בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס החמישים

פרשת וישלח תש"פ

# תוכן השיעור

'אריתי מורי עם בשמי'
'עשה לי מטעמים'
'שולחנו של אדם מכפר'
'צמאון הוא תאוה גדולה'...
"בעט איבער דיין איידעם!"
'עיקר' ו'טפל'
'איין נאכט' נישט ווי עס דארף צו זיין...
"כ'האב געקענט מאכן בעסער!"
והארץ היתה 'תוהו'...
"איך? גלייך צום רבי'ן!"
"אִיאָ - גאט פירט אויס?!"
"איך ווייס - איך בין נישט דער רבי!"
'אי לך ארץ שמלכך נער'
'שעבודת היום בבגדי לבן'
דעם ערשטן 'ברוך הבא'...
"וועקט צו סליחות און לייגט זיך שלאפן!"...
"איך האב אים נישט אוועקגעלייגט!"
"דאנקען גא-ט וואס איך בין ניצול געווארן דערפון!"
"מיין 'אייזיק' זאל גיין צוזאמען מיט'ן 'רימער'?!"...
"נאך אזא רבי'ן, זאגן 'איך בין א רבי'?!"...
"אזא 'וודאי' און אזא 'העלמה'!"

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 50**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# פרשת כי תצא, תשמ"א

(קול הנחל, טייפ מס' 47#)

## 'אריתי מורי עם בשמי'

(מדבר מתורה י"ג בספה"ק ליקוטי מוהר"ן). **'תורה י"ג' - עס איז א ראש השנה'דיגע תורה!**

דער צדיק נעמט צונויף אלע 'רצונות', "אריתי מורי עם בשמי",[א] ער נעמט עס צונויף, און ער איז זיי מעלה, און דערפון ווערט 'תורה'!

אז מען קומט צום רבי'ן אויף 'ראש השנה' - - - דער רבי האט געזאגט די תורה 'ראש השנה', אבער דער אמת איז, אז סיי ווען מען קומט! - נעמט ער צונויף אלע 'רצונות' וואס ער האט, און ער איז זיי מעלה, און עס ווערט פון זיי א 'יחוד למעלה', און פון דעם יחוד ווערט דערפון 'תורה', און ער ברענגט אראפ 'תורה'!

קומט אויס, אז יעדער איינער האט א שייכות - ער האט א חלק אין די 'תורה', דורך זיינע 'רצונות' וואס ער האט!

דער רבי זאגט דארטן 'אריתי מורי', 'מורי' - זאגט דער רבי - א לשון 'מרת נפש', אפילו חלילה 'שלעכטע רצונות'!

דער טשעהרינער רב ז"ל אין 'פרפראות לחכמה'[ב] ער רעדט דאס אויס: וואס הייסט אז די 'שלעכטע רצונות' איז ער אויך מעלה? נאר וואס דען - זאגט ער: 'מורי' - אז ער 'ביטערט' אויף דעם מיט א 'מרירות', ער האט דארטן א 'מרירות', "אוי, פארוואס זאל איך האבן א 'שלעכטן רצון'?! פארוואס זאל איך טוהן א זאך וואס

---

[א] עי' שם בליקו"מ באות ה': ... "אָרִיתִי מוֹרִי עִם בְּשָׂמִי"; 'מוֹרִי' - זֶה בְּחִינַת "מָרַת נֶפֶשׁ", בְּחִינַת: "וְנַפְשָׁהּ מָרָה לָהּ", זֶה בְּחִינוֹת פְּגַם הַנֶּפֶשׁ, פְּגַם הָרָצוֹן; כְּשֶׁרוֹצֶה דְּבַר־תַּאֲוָה, זֶה הָרָצוֹן הוּא פְּגָם וּמָרָה לַנֶּפֶשׁ. וְעַכְשָׁו כְּשֶׁבָּא זֶה הָאָדָם לַחֲכַם־הַדּוֹר עִם נַפְשׁוֹ וּרְצוֹנוֹ, וַחֲכַם־הַדּוֹר לוֹקֵחַ כָּל הָרְצוֹנוֹת וְלוֹקֵט אוֹתָם וכו', "עִם בְּשָׂמִי" - עִם הָרָצוֹן הַטּוֹב שֶׁמַּעֲלֶה רֵיחַ טוֹב וכו', וְעַל־יְדֵי־זֶה: וְאָתֵי מִטְרָא - שֶׁהִמְשִׁיךְ תּוֹרָה, בִּבְחִינַת "וַיֵּרֶד עֹז מִבְטֶחָה".

[ב] עי' שם אות ה'.

טויג נישט?! פארוואס זאל איך דאס וועלן?!" אז מען האט א 'מרירות', איז מען דאס שוין אויך מעלה, אזוי קען מען שוין דאס אויך מעלה זיין! אוי...

❖

# 'עשה לי מטעמים'

(א' הנוכחים: דער 'חוש הטעם' פון ראש השנה וואס דער אויבערשטער פארזוכט -), יא, דער 'טעם', דער אויבערשטער וויל 'פארזוכן', 'פארזוכן'![ג]

עס שטייט דאך אזוי אין דעם 'זוהר' וואס מען זאגט פאר די תקיעות,[ד] אז דער פסוק "עשה לי מטעמים" דאס גייט ארויף אויף די 'שכינה הקדושה'! אז דער אויבערשטער זאגט: "מאך מיר - איך וויל פארזוכן 'מפקודין דעשה', פון די 'מצוות עשה' פון א גאנץ יאר! איך וויל פארזוכן!

און וועמען זאגט ער דאס? עשו'ן! אבער אז 'ער' וועט ברענגען, וועט ער דאך באלד מאכן פון יעדע מצוה אז ס'טויג נישט! ער וועט באלד מקטרג זיין - ס'איז געווען מיט 'פניות' - (וכדומה), וועט ער ברענגען אזעלכע מיני מטעמים, אז עס וועט גארנישט זיין וואס צו פארזוכן!

איז 'רבקה' - די 'שכינה הקדושה', זאגט זי באלד צו יעקב'ן - 'יעקב' איז דאך 'כלל ישראל': "יעקב, לויף אוועק, און זעה מאך עפעס 'גוטע מטעמים'! ווארום ער (עשו) איז אוועקגעלאפן, אז ער וועט ברענגען 'מטעמים', וועט גארנישט זיין וואס צו 'פארזוכן'! גיי אוועק 'חרטה האבן', און 'תשובה טוהן', גיי טוה! אז די 'מטעמים' פון א גאנץ יאר זאלן האבן מער געשמאקייט, זיי דיך מזרז!"

איז געווען טאקע אזוי! און יצחק האט שוין נישט געגעסן פון די מאכלים פון עשו'ן, ער האט דאך נארוואס אפגעגעסן! ער וועט צוויי מאל עסן?! בפשטות האט ער שוין נישט געגעסן!

---

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ה' תניינא אות י"ד: טַעַם זֶה בְּחִינַת: "וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי" – 'מִפִּקּוּדִין דַּעֲשֵׂה' (תִּקּוּנֵי־זֹהַר, תִּקּוּן כ"א), הַיְנוּ מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ טוֹעֵם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה כָּל הַמַּעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל, וְזֶהוּ בְּחִינַת 'חוּשׁ הַטַּעַם'.

[ד] פרשת אמור דף ק"א ע"א ברעיא מהימנא. וענין 'מפיקודין דעשה' הוא בתיקוני הזוהר תיקון כ'-כ"א דף נ"א ע"א.

❖

דער 'זוהר הקדוש' ברענגט,[ה] אז ווען יצחק זאל ווען עסן די 'מאכלים' פון עשו'ן, וואלט נאכאמאל דערוועקט געווארן דער חטא פון 'עץ הדעת'!

וואס איז געווען דער 'חטא עץ הדעת'? פון 'א מאכל שאינו כראוי' איז געווארן דער חטא![ו]

ווען דאס זאל ווען זיין, אז די 'שכינה הקדושה' - 'רבקה' - זאל ווען נישט מעורר זיין די אידן - "גייט לויפט! 'עשו' איז אוועקגעלאפן! ער וועט מאכן א חורבן, ער וועט קאליע מאכן, מקטרג זיין: 'דאס טויג נישט', 'פניות', 'אזוי', - אלע מאכלים וועט ער מאכן צונישט!" וואס וואלט געווען ווען יצחק וואלט געגעסן פון די 'מאכלים' פון עשו'ן? וואלט ווען דערוועקט געווארן דער פגם פונעם 'עץ הדעת'! א 'מאכל שאינו כראוי'!

'אדם הראשון' איז דאך געווען געוואלדיג גרויס, "יציר כפיו של הקדוש ברוך הוא", עפעס א קלייניקייט?! און פריער איז געווען ביי אים אפן אלע עולמות,[ז] א געוואלד וואס ער איז געווען, אז די מלאכים האבן שוין געוואלט פאר אים בוקן זיך - 'אזא קדוש', האט דער אויבערשטער געווארפן אויף אים א שלאף, האבן זיי געזעהן אז ער שלאפט, איז ער נישט.[ח]

ער איז געוואלדיג גרויס געווען! - און מיט א 'מאכל' איז געווארן אזעלכע חורבנות עד הֵנָה!

עס איז נגזר געווארן 'מיתה', עס איז נגזר געווארן 'דם נדה',[ט] געוואלד וואס עס איז נגזר געווארן: צרות, מיט ל"ט מלאכות, 'בזעת אפיך תאכל לחם', מען דארף הארוועז, אלץ פון א 'מאכל שאינו כראוי'!

---

[ה] עי' זוה"ק פרשת תולדות דף קמ"ג ע"ב.

[ו] עי' ליקוטי הלכות הל' סימני בהמה וחיה טהורה א' אות ב' ועוד.

[ז] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ב' אות ט', ע"פ גמ' חגיגה י"ב ע"א.

[ח] מדרש רבה ח' ט'.

[ט] עי' עירובין דף ק' ע"ב.

נו, וואלט דא אויך דערוועקט געווארן דאס אייגענע, וואלט שוין קיין ברכות אויך נישט געווען! 'אזוי' - איז געווארן 'ברכות'! דארטן (בחטא עץ הדעת) איז געווארן 'ל"ט קללות', אבער 'ומטל השמים' איז געווארן 'ל"ט ברכות', 'ט"ל'! - א שמועס דארטן אין זוהר הקדוש.

עס איז זייער א גוטע זאך אז א מענטש - ווי אזוי ער טוט - רעדן פאר'ן אויבערשטן און האבן חרטה! מאכט ער די 'מאכלים' פון א גאנץ יאר ס'זאל זיין גוט! אז עס קומט ראש השנה, וויל דער אויבערשטער 'פארזוכן'!

❖

## 'שולחנו של אדם מכפר'

יעדער 'מאכל' איז אזוי, א 'מאכל' איז נישט קיין קלייניקייט! מיר לערנען טאקע יעצט א תורה פון 'מאכלים' - סימן ז'.[י]

א 'מאכל' איז עפעס אנדערש, ביי צדיקים איז א מאכל עפעס (גרויסע זאכן), דער מאכל גייט אריין אין יעדן 'אבר', יעדער אבר ווערט ניזון פון דעם 'מאכל', דער 'מח' ווערט ניזון, ווערט נתחלק צו יעדן אבר, עס שטייט דארטן אין א תורה.[יא]

די גאנצע 'מהות' זיינער, זיין 'עבודה', זיין 'אמונה', איז אלץ געווענדעט אין דעם מאכל! דער מאכל דאס שטארקט דעם מענטש!

איי איי איי, מיר ווייסן נישט וואס עס שטייט פאר אונז, וואס שטייט פאר אונז? מיר זענען אזוי מורגל, אזוי רגיל, און אלעם - אז איך בין הונגעריג - עס איך! אז איך בין שלעפעריג - שלאף איך! א געשעפט?! מען פאלט אוועק: שלאף איך, עס איך... איי איי איי.

---

[י] שם אות י׳: מִי שֶׁהוּא אִישׁ־חַיִל וְאֵינוֹ הַהֵפֶךְ (שֶׁקּוֹרִין: רַע־מַזָּל, שְׁלֵימַזָּל), הוּא יָכוֹל לְקַבֵּל בְּעֵת הָאֲכִילָה הֶאָרַת הָרָצוֹן, דְּהַיְנוּ שֶׁיָּאִיר לוֹ הָרָצוֹן בְּעֵת הָאֲכִילָה, וְיִשְׁתּוֹקֵק וְיִכְסֹף מְאֹד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג וכו׳.

[יא] עי׳ תו׳ קכ״ט, ושיחות הר״ן אות קצ״ג.

יעדע זאך דא איז אן 'עבודה'! די אמאליגע צדיקים האבן דען געהאט א אנדער תורה? זיי האבן אויך געגעסן, געשלאפן, אבער אז ער איז געווען א צדיק איז אלעם געווען עפעס אנדערש! אן אנדער עסן, אן אנדער שלאפן![יב]

❖

# 'צמאון הוא תאוה גדולה'...

**דער רבי ברענגט עפעס[יג] - דאכט זיך מיר - אז "פרייטיג צו נאכט'ס איז דא א 'צמאון'", א צמאון!**

איך געדענק, מיר האבן געגעסן דארטן (באומאן), בחורים פאר די חתונה, איז אריינגעקומען מתתי' (הכהן ברזסקי מאנ"ש באומאן), פרייטיג צו נאכטס, האט ער געזעהן עס שטייט א 'קיבל וואסער' (דלי מים), און מיר טרינקען, זאגט ער: **"דער רבי זאגט אז עס איז דא א 'צמאון', לעשט מען אויס דעם 'צמאון' מיט וואסער?! א 'ברומען' א 'בענקאכטס' צום אויבערשטן! טרינקט מען זיך אן מיט וואסער?! מיט דאס פארלעשט מען דעם 'צמאון'!!!"**

ביי די סעודה ביינאכט, נאך די סעודה איז עס געווען, עס איז גארנישט געווען, עס איז געווען א 'קיבל וואסער', קאלטע וואסער, און מען האט געטרונקען!

---

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ה אות ג': וַעֲבוֹדַת חִיצוֹנִיּוֹת, הַיְנוּ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הָעֶלְיוֹנָה, הִיא מְאִירָה וּמְשֻׁבַּחַת יוֹתֵר, מֵעֲבוֹדוֹת פְּנִימִיּוֹת, הַיְנוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה. ועי' תו' י"ט אות ז': וּמִי שֶׁיָּכוֹל לְהִתְעוֹרֵר הִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבְּכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, אֲזַי אֲכִילָתוֹ וּשְׁתִיָּתוֹ וְכָל תַּעֲנוּגָיו אֵינוֹ אֶלָּא מֵהִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"א: עַל־יְדֵי הַהִשְׁתּוֹקְקוּת וְהַכִּסּוּפִין שֶׁל אִישׁ יִשְׂרָאֵל אַחַר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וכו', עַל־יְדֵי הַכִּסּוּפִין אֵלּוּ נַעֲשֶׂה נֶפֶשׁ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי" וכו'. וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל: "וַיִּנָּפַשׁ" – 'כֵּיוָן שֶׁשָּׁבַת וַי אָבְדָה נֶפֶשׁ', הַיְנוּ שֶׁבִּתְחִלַּת הַשַּׁבָּת שֶׁצָּרִיךְ לְקַבֵּל נֶפֶשׁ יְתֵרָה וכו', וְעַל־יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁאָנוּ מִתְגַּעְגְּעִין אַחַר הַנֶּפֶשׁ, מִזֶּה בְּעַצְמוֹ נִתְהַוֶּה הַנֶּפֶשׁ הַיְתֵרָה וכו'. וכעי"ז שם בתו' קכ"ו. ועי' ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ג' אות ל"ד: ... וְעַל־כֵּן הַחֲכָמִים וְהַמְחַקְּרִים חַיֵּיהֶם אֵינָם חַיִּים כְּלוּם ... כִּי הֵם כָּל יְמֵיהֶם אֵין לָהֶם שׁוּם שִׂמְחָה אֲמִתִּית שֶׁתִּהְיֶה מַגִּיעַ לְחֵלֶק מֵאֶלֶף מִמְּעַט הַשִּׂמְחָה שֶׁיֵּשׁ לַפָּחוֹת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל בִּכְנִיסַת שַׁבָּת וְכַיּוֹצֵא...

(השואל: מען האט פארברענגט ביינאכט?) **יא, מען האט געענדיגט דאווענען, לערנען, געזינגען זמירות, אוודאי, מען האט פארברענגט, 'רחל'** (בתו של רבי נחמן טולטשינער ז"ל) **האט געקויפט עסן, און 'משה שמואל'** (לעווין ז"ל מגדולי העובדים באומאן, ממקורביו של ראבר"ן ז"ל) **האט געשלעפט עסן, עס איז געווען פרייליך, יענע מאכלים... עס איז געווען גוט, גוט געווען, א התעוררות!**

**ער איז אריינגעקומען, האט ער געזען ווי מען שטייט און מען טרינקט פון קיבל וואסער, מען טרינקט וואסער, קאלטע וואסער, האט ער דעמאלט גערעדט אז דער רבי זאגט אז עס איז דא א 'צמאון' פרייטיג צו נאכטס, און מען נעמט און מען פארלעשט דאס מיט קאלטע וואסער?! "האט א 'צמאון' צום אויבערשטן! גייט ארום מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן, א מין בענקאכטס צום אויבערשטן, א 'צמאה נפשי'!"[יד]**

**עס שטייט אזוי פון רבי'ן, א 'צמאון' - עפעס א מין אזא בענקאכטס איז דא! דאכט זיך מיר, ער ברענגט דארטן פונעם אר"י הקדוש.**

**און אזוי ביים רבי'ן טאקע, פרייטיג צו נאכטס פלעגט דער רבי כמעט נישט זאגן, עס איז נישטא צופיל תורות פון פרייטיג צו נאכטס, זייער ווינציג תורות, עס איז נאר געווען אזא מין בענקאכטס, אזא מין תשוקה, א מין צמאון![טו]**

**עס איז פארהאנען אמאל א 'צמאון', און א מענטש נוצט עס אוים אויף טרינקען אסאך... גייט אוועק דער 'צמאון'!**

---

[יד] עי' שיחות הר"ן אות רנ"ט: **פַּעַם אֶחָד אָמַר: צִמָּאוֹן הוּא תַּאֲוָה גְּדוֹלָה. וּלְפִי הֲבָנָתִי, כַּוָּנָתוֹ הָיְתָה לְרַמֵּז לָנוּ מֵעִנְיַן הִשְׁתּוֹקְקוּת וְכִסּוּפִין וְצִמָּאוֹן לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא דָּבָר נִפְלָא מְאֹד** וכו'.

[טו] עי' חיי מוהר"ן אות ר"מ: **שָׁמַעְתִּי שֶׁהָעֲבוֹדָה שֶׁלּוֹ וּקְדֻשָּׁתוֹ הַנּוֹרָאָה וְהַיִּרְאָה שֶׁהָיְתָה עַל פָּנָיו בְּלֵיל שַׁבַּת קֹדֶשׁ, וּבִפְרָט בִּימֵי נְעוּרָיו הָיָה עַד בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ כְּלָל.**

ועי' בשיש"ק ח"א אות תרס"ד, מביאהל"ק הישן נדפס בסוף אבני"ה ברזל: **שֶׁהִתְנוֹצְצוּת הַקְּדֻשָּׁה וְהַיִּרְאָה שֶׁהָיוּ עַל פְּנֵי רַבֵּנוּ זַ"ל בְּלֵילֵי שַׁבָּתוֹת הָיָה אֵין לְשַׁעֵר כְּלַל, כַּמּוּבָא בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, וּמִי שֶׁהָיָה אֶצְלוֹ אָז הָיָה נוֹפֵל יִרְאָה וּבוּשָׁה גְּדוֹלָה מְאֹד עַל פָּנָיו, עַד שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל הָיָה מוּכְרָח אָז לִהְיוֹת בְּמַסְוֶה עַל פָּנָיו, וְהָיָה אוֹמֵר אָז תּוֹרָה בְּיִרְאָה גְּדוֹלָה.**

אה, ער פלעגט אמאל אריינקומען אין שול אריין, מתתי' האט זיך ארומגעדרייט אזוי אין שול, (השואל: פרייטיג צונאכטס?) ניין, אפילו אינמיטן די וואך אויך, מיט אזא מין בענקאכטס!

רבונו של עולם - א איד האט אזא מין תשוקה צום אויבערשטן, אזא דביקות!

מען האט געזעהן אז ער איז אזוי דבוק - דער גאנצער גוף איז דבוק אין אויבערשטן! אַן אויסגעארבעטער הייליגער גוף, און ער איז ארומגעגאנגען דבוק אינעם אויבערשטן! אה, ס'איז געווען! א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען!

א מענטש אז ער האט נישט די אלע נארישקייטן, קלעפט זיך אלץ נאר - אלץ ליגט אריין - נאר צום אויבערשטן, אלץ איז נאר אין די קדושה![טז]

און ער איז א 'גאון' געווען, ממש א 'גאון עולם' געווען, אין נגלה, א חריף, א גדול! ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע, ער איז 'גארנישט' געווען! איי איי איי.

עס איז דא ביים רבי'ן 'גוטע כלים', 'גוטע כלים', אה אה אה, וואס זענען איינגעבאקן ביים רבי'ן אין הארץ![יז]

❖

## "בעט איבער דיין איידעם!"

זיין שווער איז געווען א בעקער, א "נחתום", א פראסטער מענטש (אדם פשוט) האט ער גענומען אן איידעם - 'אן איידעם'... (בסתמא, בלי להכיר בחשיבותו). אמאל פלעגט זיין, מען איז אריין אין די ישיבה אריין - גענומען א גוטן בחור, נו, מזל טוב און שוין! אבער ער איז דאך געווען "מתתי'", און דער שווער... (לא העריכו כראוי).

מתתי' - נאך די חתונה - א געוואלד געווען, א געוואלד!

דער 'בארדיטשובער רב' איז אויך געווען אן איידעם - א פראסטער מענטש האט אים גענומען פאר אן איידעם, ער האט אבער נישט געהאט אין אים קיין געפיל, ער

---

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"א אות ו': ... וּמִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת בְּרִית, אֲזַי: 'חֶסֶד מִתְגַּלֶּה בְּפֻמָּא דְּאַמָּה' וכו', וְזֶהוּ: "אִם הָרַב דּוֹמֶה לְמַלְאַךְ ה' צְבָאוֹת" כַּנַּ"ל, אֲזַי בְּוַדַּאי חֶסֶד וְאַהֲבָה מִתְגַּלֶּה, וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִתְגַּלֶּה וכו'.

[יז] עי' שיש"ק ח"ב אות ק"ב.

האט נישט געוואוסט ווער ער איז, איז געווארן קריגעריי, איז שוין געבליבן אז ער זאל - די זעלבע ווי ביי ר' נתן'ען - אז ער זאל פארן מיט אים דארט, צו די סוחרים, און איינקויפן די סחורה, און ער זאל אויך פארן!

ער האט געהאט די געלט, ער האט געקויפט די סחורה און צוריק, שוין, עפעס (זאל ער טוהן), פיין!

איז ער געקומען דארטן וואו מען קויפט איין די סחורה, האט ער דארט געהאט עפעס א נסיון, און יענער האט אים נישט אפגעלאזט רח"ל, האט ער געזאגט "נאדיר די געלט!" ער האט אוועקגעגעבן די געלט!

ער איז געקומען צו גיין - און ער האט נישט קיין געלט! אסאך געלט האט ער געגעבן אים, און ער האט נישט די סחורה!

ער איז געקומען אהיים, דער שווער (פרעגט אים איבער די געלט) "גיי, ווי האסטו אזוי געטוהן?!" 'ער ווייסט נישט', ער האט נישט געוואלט זאגן!

ער האט זיך נישט 'באריהמט'! אז ער האט געהאט א נסיון - איז שוין א 'התפארות'!

'ער ווייסט נישט', 'ער האט פארלוירן', ער האט נישט די געלט! שוין.

דערנאך איז א מעשה געווען, ער האט געהאט עפעס א משפט דער שווער, א גרויסן בלבול האט ער געהאט עפעס דער שווער, איז ער אוועק געלאפן צום רבי'ן רבי אלימלך - דער שווער, האט ער אים געזאגט: "**בעט איבער דיין איידעם! גיי בעט אים איבער!**".

דער משפט איז געווארן נענטער, איז ער נאכאמאל געקומען צום רבי'ן רבי אלימלך, האט ער אים געזאגט: "**איך האב דיר געזאגט בעט איבער דיין איידעם!**"

איז פונקט דעמאלט אנגעקומען דער 'גנב', דער וואס האט צוגענומען די געלט ביי דער נסיון, און ער האט געזאגט אז פון דעמאלטס אן איז ער 'שלאַף', און ער האט אפגעבראכט דער געלט, און פונקט דעמאלטס איז אנגעקומען דער שווער (כדי לפייס

את חתנו), איז ער דעמאלטס געוואויר געווארן וואספארא געלט עס איז געוועזן! איז ער שוין געוואויר געווארן וואספארא אידעם ער האט, א צדיק!

❖

# 'עיקר' ו'טפל'

איך געדענק אמאל, מתתי' האט געוואוינט צוזאמען מיט ברוך'ן (ר' ברוך געצע'ס), ברוך איז געווען א שארפער...

איז ארויפגעקומען מתתי' צו קבלת שבת: "רבותי, איר ווילט רחמנות האבן אויף מיר, מיין בעל הבית'טע זאל נישט גיין פון דער וועלט, זעהט מיר א דירה! זעהט מיר א דירה!" אזוי האט ער זיך אויסגערעדט.

שוין, עס איז שוין געווארן א דירה... (ע"י נדבת אנ"ש).

(השואל: וואס הייסט זיי האבן געוואוינט צוזאמען?) צוזאמען געוועזן, א גאנצע דירה איז געווען אזוי ווי 'איין צימער' אזוי! ער האט געמאכט צוויי ווענט, 'פיר שכנים' האבן האבן דארט געוואוינט!...

[עס איז געווען דער 'פדיון הבן' ביי 'אהרן'ען' - משה טשענסטעכאווער'ס, און עס איז געווען אז עס האט געברענט צוויי לעכט, און דא איז געווען דאס קינד, האט זיך אנגעכאפט דאס פייער, און דאס קינד איז אפגעבריהט געווארן! אזא גרויסע צימער איז געווען... אז דא איז געווען די לעכט און ליגט דאס קינד, און עס האט זיך אנגעכאפט דא. (השואל: משה טשענסטעכאווער איז אויך געווען פון די 'פיר' פון די דירה?) יא יא, נאכדעם האט ער זיך אפגעטיילט.]

אה, און דאס אלץ איז געווען - א 'עיקר' און א 'טפל'!

וואס איז דער 'טפל' און וואס איז דער 'עיקר'? אז דער אויבערשטער העלפט אז דער 'עיקר' - "אי איכא יראת השם"[יח] - דאס איז דער 'עיקר', איז ממילא די אלע זאכן זעהען זיך נישט אהן! איז ווינציגער קריגעריי (וכו'), אה![יט]

---

[יח] עי' שבת דף ל"א ע"א.

[יט] עי' שיחות הר"ן אות ע"ז: כָּל הָעוֹלָם מָלֵא מַחֲלוֹקוֹת וכו', וְאֵין מִי שֶׁיָּשִׂים עַל לִבּוֹ הַתַּכְלִית שֶׁבְּכָל יוֹם וָיוֹם הָאָדָם מֵת, כִּי הַיּוֹם שֶׁעָבַר לֹא יִהְיֶה עוֹד וכו'. ושם אות ש"ח: ...שֶׁאָז דַּיְקָא כְּשֶׁמְּקַבֵּל עַל עַצְמוֹ כָּל

❖

# 'איין נאכט' נישט ווי עס דארף צו זיין...

**איך האב אמאל געהערט, רבי נתן האט אזוי געזאגט, אז "איין נאכט אז די עבודה איז נישט אזוי ווי עס דארף זיין, איז ביי אים ערגער מער ווי די גאנצע 'מחלוקת'!"**[כ]

די מחלוקת איז נישט געווען קיין קלייניקייט, ס'איז געווען מחלוקת ממש אויף צו הרג'ענען! אבער אז איין נאכט איז די עבודה נישט אזוי ווי עס דארף זיין, דאס איז ביי אים מער ווי די גאנצע מחלוקת וואס ער האט!

מען זאל אזוי זיין דבוק אינעם אויבערשטן, אז 'איין נאכט' - רבי נתן האט אפגעהיט די נעכט - אז 'איין נאכט' איז נישט אזוי ווי עס דארף זיין, איז עס אים מער ווי די גאנצער "מחלוקת"!

אה אה, א מענטש אז ער איז דבוק אין אויבערשטן, און דער תכלית איז אים תמיד פאר די אויגן, ער מאלט זיך שוין אוים: "אט איז שוין פערציג יאר נאך רבי נתן'ען",[כא] איז ממש אזוי ווי א (כלום), וואס זעהט זיך עס אן? וואס זעהט זיך עס אן?!

אבער א נאכט וואס עס איז נישט אזוי, דאס איז שוין אן 'אבידה שאינה חוזרת'![כב] ס'איז דאך א געוואלד, עס איז דאך א פארמעג!

---

הַדְּחָקוּת וְחַיֵּי צַעַר וְלִסְבֹּל הַכֹּל וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה וכו', כִּי לֹא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם יִסּוּרִים מִפִּגְעֵי הָעוֹלָם הַזֶּה הַמְּרֻבִּים אֵצֶל כָּל אָדָם מְאֹד, מֵאַחַר שֶׁמְּקַבֵּל עַל עַצְמוֹ הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַתּוֹרָה, וְכָל חִיּוּתוֹ וְטוּבוֹ הוּא הַתּוֹרָה שֶׁהוּא טוֹב אֲמִתִּי, וְאָז בְּוַדַּאי חַיָּיו חַיִּים אֲמִתִּיִּים, וְאַשְׁרֵי לוֹ גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה.

[כ] עי' כעי"ז בעלים לתרופה כמ"פ, עי' מכתב קס"ג: ...אֲשֶׁר הוּא יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו מַרְחִיב לָנוּ בַּצַּר בִּמְעוּף צָרָה וְצוּקָה מִכָּל צַד, בְּמַחֲלֹקֶת כָּזֶה בְּבִזְיוֹנוֹת כָּאֵלֶּה בְּדַחֲקוּת פַּרְנָסָה כָּזֶה, וְהָעִקָּר בְּדַחֲקוּת פַּרְנָסַת הַנֶּפֶשׁ כָּזֶה, אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְהִתְפַּלֵּל שׁוּם תְּפִלָּה כָּרָאוּי וְכוּ'. ושם מכתב קס"ו: ...מִצַּד זֶה מַחֲלֹקֶת כָּזֶה בְּבִזְיוֹנוֹת כָּאֵלֶּה בַּחֲרִיקוֹת שִׁנַּיִם כָּזֶה וְכוּ'. וְעַל כֻּלָּם הוּא הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁבְּתוֹךְ הָאָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מֵחָדָשׁ...

[כא] ע"פ דיבורו של מוהרנ"ת, עי' שיש"ק ח"ב אות תש"ס: בְּעֵת שֶׁלָּקְחוּ אֶת מוֹהַרְנַ"תְּ לְמַאֲסָר בְּהִשְׁתַּדְּלוּת הַמִּתְנַגְּדִים וְכוּ' וְלִוּוּ אוֹתוֹ הַמִּתְנַגְּדִים בְּבִזָּיוֹן גָּדוֹל וכו', שָׁמְעוּ אַנַ"שׁ אֵיךְ שֶׁמּוֹהַרְנַ"תְּ אוֹמֵר: "וְכִי מָה אֲנִי שׁוֹמֵעַ אוֹתָם, הִנֵּה אוֹמְרִים שֶׁזֶּה כְּבָר אַרְבָּעִים שָׁנָה לְאַחַר פְּטִירָתוֹ שֶׁל רַבִּי נָתָן", "וָואס הֶער אִיךְ זֵיי, הָאט וֶועט מֶען שׁוֹין זָאגְן ס'אִיז שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר נָאךְ רַבִּי נָתָן". כָּל-כָּךְ הָיָה דָּבוּק תָּמִיד בְּזִכְרוֹן יוֹם הַמִּיתָה.

❖

# "כ'האב געקענט מאכן בעסער!"

עס שטייט דאך אז 'לעתיד לבא' וועט מען ווייזן דעם מענטשן - וואס דו האסט געקענט טוהן און דו האסט נישט געטוהן! אפילו דעם ערליכן איד!

ער מיינט 'ער טוט', 'ער טוט'! וועט מען אים ווייזן - וואס דו האסט געקענט טוהן!

ער האט דערציילט מיר - 'ברוך' - ער האט געזעהן דעם שווער, 'ר' געצע' איז נפטר געווארן, א גרויסער עובד השם געווען, האט ער אים געזעהן אין חלום, ער האט אים געפרעגט (מה נעשה עמו בעולם הבא), האט ער געזאגט: "ס'איז מיר נישט שלעכט! **אבער איך האב געקענט מאכט בעסער!**", איך האב געקענט מאכן בעסער!!!

'דער איד' - א צובראכענער איד, א קראנקער מענטש, מיט זיינע געשרייען, א גענואלד א געוואלד! אה, וואס קען ער מאכן בעסער? וואס זאל ער טוהן מערער? א ארימאן איז ער א גרויסער, און א קראנקער איז ער, און א 'עובד השם' איז ער, און זיינע פינגער איז געווען פול מיט בלאטערן, אוי!

[(השואל: ר' געצע פלעגט רעדן ברבים?) יא, ער האט געלערנט! ער איז געווען א זייער א שווערער לערנער - ער האט געלערנט מיט א דבקות! (השואל: צווישן מנחה מעריב?) יא יא, זיי האבן זיך איינגעטיילט, אמאל ער, און אמאל ר' שמשון (בארסקי ז"ל).]

"איך האב געקענט מאכן בעסער"! - און דער געדאנק, דערווארט, איז א ווארט וואס עס נוצט צו וויסן, יעדער איינער זאל וויסן - "איך קען מאכן בעסער!".

אוודאי, דאס וואס דו טוהסט דארפסטו זיך אוודאי מחי' זיין מיט דאס ביסעלע, נאר וויסן "איך קען מאכן בעסער"!

---

[כב] עי' עלים לתרופה מכתב רצ"ה: וְעַתָּה יְדִידִי וַחֲבִיבִי חֲזַק וְאַמֵּץ עַצְמְךָ וכו', רַק חֲזַק וֶאֱמַץ, וַחֲטֹף וֶאֱכֹל, חֲטֹף וֶאֱכֹל נַהֲמָא דְאוֹרָיְתָא בְּכָל יוֹם וָיוֹם, בְּכָל הַטִּרְדוֹת וְהַהִרְפַּתְקָאוֹת הָעוֹבְרִים עָלֶיךָ, כִּי הִיא חַיֶּיךָ לָנֶצַח, וְזֶה הַיּוֹם שֶׁאַתָּה עוֹמֵד לֹא יִהְיֶה לְךָ עוֹד לָנֶצַח וכו', אֲבָל הַיָּמִים שֶׁאִבַּדְתָּ בְּלֹא תּוֹרָה, שֶׁיָּכֹלְתָּ לַחֲטֹף מִתּוֹךְ הַיִּסּוּרִים דַּיְקָא, זֶה אֲבֵדָה שֶׁאֵינָהּ חוֹזֶרֶת...

און אויב מען קען מאכן בעסער און מען מאכט נישט, וועט מען פרעגן "דו האסט געקענט מאכן בעסער! דו האסט געקענט מאכן בעסער?!", "**מה אשיב שולחי דבר - ומה אשיבנו**"[כג] - אז מען וועט פרעגן וואס וועל איך ענטפערן?!

'דו' זעהסט נישט אז דו האסט געקענט מאכן בעסער, אבער 'דארטן' זעהט מען שוין אז דו האסט געקענט מאכן בעסער! אוי.

❖

(לומד בחיי מוהר"ן סימן ת"פ) "**שָׁמַעְתִּי בְּעַצְמִי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁכְּשֶׁבּוֹלְעִין הָרֹק הוּא מוֹעִיל לִנְקִיּוּת.**"

(השואל: נישט 'שפייען' מיינט דער רבי?) יא, אויך א רגילות, א מענטש - אלץ שפייט ער, שפייט.

(השואל: וואס מיינט מען אלעמאל 'נקיות', פאר זיך אדער פאר יענעם?) פאר זיך! 'נקיות' 'נקיות', ס'מיינט 'סודות'?!... אזוי האט דער רבי געזאגט! שוין.

❖

## והארץ היתה 'תוהו'...

(חוזר לענין הנ"ל) ביז עס ווערט קבוע אין דעם מענטשן, ס'זאל ווערן א קבוע - וועלכעס איז דער 'טפל' און וועלכעס איז די 'קביעות', דארף מען גרוים רחמים!

מען איז שוין אן 'אלטער איד', ווייסט מען נאך אויך נישט וועלכעס איז די קביעות און וועלכעס איז דער טפל![כד]

---

[כג] עי' ליקוטי תפלות ח"ב א': וּמָה אָשִׁיב שׁלְחִי דָּבָר, וּמָה אֶעֱשֶׂה לְיוֹם פְּקֻדָּה, וּמָה אֶעֱשֶׂה כִּי יָקוּם אֵ-ל וְכִי יִפְקֹד מָה אֲשִׁיבֶנּוּ. והוא ע"פ מליצת הכתוב שמואל-ב' י"ד ג', איוב ל"א י"ד.

[כד] עי' ליקוטי הלכות תפלת המנחה ה' אות ו': וְעַל-כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְחַזֵּק מְאֹד מְאֹד בִּבְחִינַת עֵת הַצָּהֳרַיִם, דְּהַיְנוּ בְּאֶמְצַע יָמָיו, בִּפְרָט אַחַר שֶׁעָבְרוּ רֹב שְׁנוֹתָיו וכו', שֶׁאָז בְּוַדַּאי כְּשֶׁבָּא עָלָיו אֵיזֶה הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה כִּשְׁרוֹאֶה שֶׁעָבְרוּ רֹב שְׁנוֹתָיו וּצְרִיכִין לַחֲשֹׁב עַל סוֹפוֹ וְתַכְלִיתוֹ וְכוּ', שֶׁאֲזַי תֵּכֶף מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד, וּמִתְפַּשֵּׁט כְּנֶגְדּוֹ מְאֹד, וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחוֹ לָצֵאת מִתַּאֲווֹתָיו וְרִשְׁתָּיו אֲשֶׁר נִלְכַּד בָּהֶם וכו', שֶׁאָז צָרִיךְ לְהִסְתַּכֵּל מְאֹד מְאֹד עַל אַחֲרִיתוֹ וְסוֹפוֹ כְּהַאי אַנְפִּין יֵעוֹל קֳדָם מַלְכָּא וכו'.

מען איז דאך אין דעם עולם, און מען מוז דאך אנקומען דערצו: אכילה, שתיה, שינה, אלעס. אבער וועלכעס איז א 'קביעות', און וועלכעס איז דער 'טפל'?!

אויב אז דאס איז די קביעות (עבודת השם), דארף איך דאך אוועקלייגן אינגאנצן מיינע חושים, מיינע געדאנקען, אלעס אלעס, נאר עסן מוז איך אויך, איך מוז!

עס איז נאך א זאך: רעדן צום אויבערשטן, "רבונו של עולם, ווען וועל איך שוין וויסן וואס איז די קביעות?! וואס איז די קביעות?!"

וואס איז אינגאנצן דער 'עולם התוהו'? אז א מענטש גייט ארום 'דא' מיט אזעלכע זאכן, דאכט זיך אים 'דארטן' אויך![כה]

'כפום מה דאתדבק בר נש בהאי עלמא' - איז ער דארטן אויך! אז ער איז ארומגעגאנגען מיט 'דמיונות', מיט 'בלבולים', מיט 'נארישקייטן' איז ער דארטן אויך! ביז ער ווערט געוואויר 'וואו ער איז' און 'וואס ער איז'! איי איי איי איי, 'עולם התוהו', 'עולם התוהו'.

די ערשטע בריאה, "בראשית ברא אלקים" איז געווען – "היתה 'תוהו' ובוהו וחושך"!

אבער אז ס'איז געווארן א 'בריאה', איז שוין "ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור", איז שוין דא עפעס אנדערש, פריער איז געווען "היתה חושך" אלעס, איז שוין דא "יהי אור ויהי אור"!

❖

---

[כה] עי' חיי מוהר"ן אות ק"א: ... כִּי בְּוַדַּאי אֲפִלּוּ אַחַר פְּטִירַת הָאָדָם כָּל זְמַן שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה עֲדַיִן לָבוֹא לִמְקוֹם מְנוּחָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת עֲדַיִן אֵינוֹ בְּעָלְמָא דִקְשׁוֹט, אַדְּרַבָּה עִקַּר עָנְשׁוֹ וְיִסּוּרִים עַל־יְדֵי הַמְחַבְּלִים שֶׁמּוֹלִיכִין אוֹתוֹ בְּעוֹלַם הַתֹּהוּ, וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ עֲדַיִן הוּא בְּזֶה הָעוֹלָם, וּמַטְעִים אוֹתוֹ בְּכַמָּה הַטְעָאוֹת כַּמְפֻרְסָם בִּסְפָרִים ... וְהָעִקָּר תָּלוּי בְּזֶה הָעוֹלָם, שֶׁמִּי שֶׁהוּא חָזָק בְּזֶה הָעוֹלָם בֶּאֱמוּנָה בְּהִתְחַזְּקוּת הָאֲמִתִּית, יִזְכֶּה גַּם שָׁם לָזֶה, כִּי כְּפוּם מָה דְאִתְדַּבַּק בַּר נָשׁ בְּהַאי עָלְמָא כֵּן הוּא בְּעָלְמָא דְאָתֵי, וְאָז בְּוַדַּאי לֹא יוּכַל לִמְנֹעַ אוֹתוֹ שׁוּם מוֹנֵעַ מִלֵּילֵךְ לְהַצַּדִּיק גַּם מִשָּׁם.

ועי' ליקוטי הלכות הל' תחומין ו' אות כ"ב: וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת אֲפִלּוּ אִם לֹא זָכָה לְהֵטִיב מַעֲשָׂיו בִּשְׁלֵמוּת בְּחַיָּיו, אֲבָל זָכָה עַל כָּל פָּנִים לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ וְלִדְרֹשׁ תָּמִיד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ הוּא גַּם כֵּן טוֹבָה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה לְנַפְשׁוֹ וְגוּפוֹ, כִּי עַל-יְדֵי זֶה זוֹכֶה גַּם אַחַר מִיתָתוֹ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ אוֹתוֹ וְלֹא יוּכְלוּ לְהַטְעוֹתוֹ עַל-יְדֵי עוֹלַם הַתֹּהוּ, מֵאַחַר שֶׁגַּם שָׁם יְבַקֵּשׁ אֶת ה' יִתְבָּרַךְ, עַל-כֵּן בְּקַל יוּכַל לָשׁוּב לִמְקוֹם מְנוּחָתוֹ וכו'.

ווער שמועסט נאך - 'די הייליגע טעג', געוואלד, געוואלד; האבן די 'אמונה פשוטה' אז עס גייט א 'יום הדין'! עס גייט א 'יום הדין'! - און 'תשובה ותפילה וצדקה' העלפט!

אז עס גייט אדורך א 'משפט' אויף איינעם, עס קאכט זיך, עס רעש'ט זיך, ער נעמט אן 'עורך דין', ער צאלט אים גוטע געלט.[כ]

אה, עס גייט דאך אזא 'יום הדין', **"בראש השנה יכתבון וכו' כמה יעברון כמה יבראון וכו'!"** א גאנצער געשעפט וואס טוט זיך אפ אין דעם 'יום הדין'! האבן אין דעם די 'אמונה פשוטה', האבן די 'אמונה פשוטה' – אזוי איז, אזוי ווי עס שטייט אזוי איז!

❖

# **"איך? גלייך צום רבי'ן!"**

רבי נתן איז נסתלק געווארן פרייטאג פארנאכט, 'רבי נפתלי' האט אים געזעהן די נאכט אין חלום - רבי נתן'ען, האט ער געזעהן ווי ער לויפט, האט ער געפרעגט: "וואו לויפסטו?" **"איך? גלייך צום רבי'ן!"** נאך שבת ער געוואויר געווארן (שמוהרנ"ת נסתלק).

האט רבי נפתלי געזאגט: **"איך האב ראש השנה נאך אין זיין טאנצן געזעהן אז ער געזעגנט זיך שוין!"** האב איך געזעהן אז דאס געזעגנט ער זיך!

רבי נתן, דער לעצטער ראש השנה איז ער נישט אראפגעגאנגען זאגן קיין 'הלכה' (דברי תורה לפני הציבור, שנעתקו אח"כ בספרי 'ליקוטי הלכות'), ביי אונז איז געווען די 'השתוקקות' א געוואלד! אן 'הלכה' זיינע - א געוואלד געווען! וואספארא התעוררות עס איז געווען!

---

[כ] עי' עלים לתרופה מכתב קצ"ח: וְהִנֵּה יְמֵי הַמִּשְׁפָּט וְהַדִּין הַגָּדוֹל שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין, וּכְבָר בֵּרְכוּ רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל וּצְרִיכִין לִרְעֹד וְלִפְחֹד מְאֹד מִמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁנּוֹגֵעַ לְחַיִּים נִצְחִיִּים, וְאִי אֶפְשָׁר לְשַׁחֵד בְּמָמוֹן וּלְפַיֵּס בִּדְבָרִים. וְכָל פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁעָלֵי שֶׁיֵּשׁ לָנוּ עַתָּה, הוּא כְּדֵי לִזְכֹּר וְלֹא לִשְׁכֹּחַ פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁל יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא.

עס איז דארטן געווען ר' אפרים (ב"ר נפתלי, מתלמידיו הקרובים של מוהרנ"ת), ער האט געזאגט פאר אים א תירוץ (למה אינו אומר 'הלכה' לפני הציבור).

דערנאך האט ר' נתן געזאגט: "איך האב א קוק געגעבן, האב איך געזעהן אז מענטשן קומען אויף ראש השנה ווייל זיי ווילן הערן די הלכה, איך בין דאך נאר א מענטש, טאמער וועט ער אויף איבער א יאר נישט זיין, וועט נישט זיין פארוואס צו קומען אויף ראש השנה, מען וועט דאך שוין נישט הערן די הלכה! **און אז דער רבי האט געזאגט אז 'מיין זאך איז ראש השנה'**[כז] **איז נישט שייך קיין הלכה! יא הלכה - נישט הלכה!".**

ממש געהאט א בחינה פון נבואה! און דאס יאר איז ער טאקע נסתלק געווארן, דאס יאר וואס ער איז נישט געגאנגען זאגן קיין 'הלכה'!

רבי נתן איז אזוי ארויסגעהוילט געווען פון 'פירסום', אז ער האט נישט געוואלט אז עס זאל בלייבן עפעס אז 'איך' - אז 'ער איז'...

'דער רבי' - דאס איז עס! 'דער רבי איז'! אז 'דער רבי איז' - איז נישט קיין נפקא מינה 'יא הלכה' 'נישט הלכה', - אז דער ראש השנה איז תלוי אין אים! אז רבי נתן איז שוין נסתלק ווערט שוין בטל?! ניין!

(השואל: דער טשעהרינ'ער רב ברענגט דאך אין 'פרפראות לחכמה' וואס איז אים נתחדש געווארן ביים לעצטן ראש השנה פון רבי נתן?) עס איז 'נתחדש' געווארן, אבער ער האט עס נישט 'געזאגט'![כח]

❖

# "אִיָא - גאט פירט אויס?!"

דעם לעצטן שבת - רבי נתן איז נפטר געווארן פרייטיג - אין דעם שבת ביי שלש סעודות, א שבת פריער, האט ער יא געזאגט א 'הלכה'![כט] ער האט געזאגט די הלכה אויף 'חדי רבי שמעון', ער רעדט דארטן גרויס פון 'אמונה', 'אמונת חכמים'.[ל]

---

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות ר"כ.

[כח] עי' פרפראות לחכמה סי' ו' אות ט"ז: ועיין בליקוטי הלכות, הלכות שבת הלכה ז', שנתחדש בראש השנה שנת תר"ה, שהוא ראש השנה האחרון מימי חייו הקדושים של הר"ר נתן ז"ל וכו'.

און נאך דער הלכה, ביי מעריב, האט ער נאר געכאפט 'ברכו', ער האט געכאפט א שלאַפקייט, ער האט נאר געהערט 'ברכו', און ער איז שוין אריין, מעריב האט זיך שוין געשטארקט דאס חולאת, האט ער שוין נישט געדאווונט קיין 'מעריב' (עם הציבור).

און בשעת ער איז אריין דארטן, ווען ער איז געגאנגען צו דער טיר, איז געגאנגען דארטן ר' יעקב (א' מאנ"ש), האט רבי נתן א זאג געגעבן צו אים: "**אַיאָ, גא-ט פירט אוים?!**" און ער איז אריין אין שטוב.

האט ער געמיינט די הלכה; אז ער האט ארויסגעכאפט די 'הלכה', עס איז אים געווען אזוי שווער, אבער ער האט געזאגט די 'הלכה', דערנאך איז אים אזוי שלעכט געווארן, ער האט שוין נישט געקענט, האט ער מעריב שוין געדאווונט אין שטוב.

❖

# "איך ווייס - איך בין נישט דער רבי!"

ביי רבי נתן'ען איז אזוי געווען, אז דער עיקר איז דער 'רבי', ער האט נישט געוואלט אז עס זאל זיין קיין שום זאך 'נע ונד', נאך וואס ער ווערט נסתלק איז שוין אוים, ניין! "דער רבי!! דער רבי!! נאר דער רבי!! נאר דער רבי!!"

ס'איז געווען טאקע ביי דעם 'גרויסן שבועות',[לא] איז געווען א רעש, א טומל: "ער איז דאך ממש א רבי", האט ער דאס דערפילט, האט ער געשריגן: "**איך ווייס אז איך בין נישט דער רבי, איך ווייס אז איך בין נישט דער רבי!**".

---

[כט] עי' מכתב הסתלקות מוהרנ"ת סוף עלים לתרופה: וְהַתְחָלַת חֲלִישׁוּתוֹ הָיָה בְּמוֹצָאֵי־שַׁבַּת־קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, וּבְשַׁבַּת הַקֹּדֶם הוּא פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כְּשֶׁנִּכְנַס לְשָׁלֹשׁ סְעֻדּוֹת לוֹמַר תּוֹרָה ... אָמַר הַתּוֹרָה שֶׁל "חָדֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן" מֵעִנְיַן עֵצוֹת וֶאֱמוּנַת חֲכָמִים, וּמֵעִנְיַן לְהַדְפִּיס סְפָרִים, וּמֵעִנְיַן כְּשֶׁהַנְּשָׁמָה עוֹלָה לְמַעְלָה, עִקַּר שְׁלֵמוּתָהּ שֶׁתִּהְיֶה לְמַטָּה גַּם־כֵּן, וְאַחַר כָּךְ הָיָה בְּשִׂמְחָה עַד לִמְאֹד וכו'.

[ל] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש הל' ז', המיוסד על ליקוטי מוהר"ן תו' ס"א - ענין "אמונת חכמים". ועי' שם בסוף ההלכה מענין הסתלקות מוהרנ"ת.

[לא] "דער גרויסער שבועות" - 'שבועות הגדול' הידוע והמפורסם, נקרא כן כי התקבצו אז אצל מוהרנ"ת כשמונים איש עובדי ה' גדולים מאנשי שלומינו, חוץ ממה שנתקבצו אליו מאנשי העיר, והיתה אז התעוררות נפלאה ביותר. זה היתה בשנת תקצ"ד, וכמה סיפורים ועובדות מאלפים נשמרו מאותו חג השבועות הגדול. (עפ"י שיח שרפי קודש).

וויפיל רבי נתן איז געווען גרויס ביים רבי'נס זאך, פונדעסטוועגן האט ער געוואוסט אז אויב ער וועט זיין אליין, אָן דעם רבי'ן - איז גארנישט! וועט גארנישט בלייבן! א 'נצחיות' אויף אייביג - איז נאר דער רבי! ממילא אויב ער וועט זיך חלילה אפטיילן, מאכן זיך עפעס אליין, וועט ער גארנישט האבן![לב]

דערפאר טאקע, די אנדערע תלמידים וואס האבן טאקע יא אזוי געטוהן - איז טאקע געווען יא (נפסק הדבר)!

אין אומאן איז געווען - איך האב דאס געזעהן - ער האט דאס געהאלטן 'ר' הירש לייב (ליפל)', איז געווען דארטן א 'כתב יד' פון 'רבי שמואל אייזיק'ן',[לג] א ספר, א שיינער שמועס, צום סוף פירט ער אוים 'כמובא בלקוטי מוהר"ן', צום סוף!

---

[לב] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ו: קֹדֶם שֶׁגִּלָּה עִנְיַן הַנִּדְפָּס בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן ס"ח וכו', אָז דִּבֵּר שֶׁהָיוּ כַּמָּה גְּדוֹלִים שֶׁכָּל אֶחָד עָשָׂה וְתִקֵּן מַה שֶּׁתִּקֵּן וְאַחַר־כָּךְ נִפְסַק, וְכַוָּנָתוֹ לְעִנְיַן הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ דַּעְתָּם בְּתַלְמִידֵיהֶם וְקֵרְבוּ כַּמָּה אֲנָשִׁים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲבָל אַחַר־כָּךְ נִפְסַק הֶאָרָתָם, אֲבָל אָנוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁלֹּא יִפָּסֵק לְעוֹלָם, שֶׁאֵלּוּ אֲנָשִׁים יַעֲשׂוּ אֲנָשִׁים אֲחֵרִים, וְהֵם יַעֲשׂוּ עוֹד אֲנָשִׁים וְכֵן לְעוֹלָם. וְכֵן שָׁמַעְתִּי כְּבָר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלָּנוּ כְּהֶכְרֵחַ שֶׁיָּאִירוּ בְּחַבְרֵיהֶם וְתַלְמִידֵיהֶם, וְכָל אֶחָד מֻכְרָח שֶׁיַּעֲשֶׂה אֵיזֶה פְּעֻלָּה וְיָאִיר בַּחֲבֵרוֹ, וַחֲבֵרוֹ בַּחֲבֵרוֹ. כִּי יֵשׁ עֲנָפִים לְהָאִילָן, וּמֵאֵלּוּ הָעֲנָפִים יוֹצְאִין עוֹד עֲנָפִים וְכֵן לְהַלָּן יוֹתֵר וְכוּ'. וּכְבָר נִרְשַׁם בְּמָקוֹם אַחֵר (חיי"מ אות רכ"ט, ש"ו) מַה שֶּׁאָמַר, שֶׁהָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד לְעוֹלָם לֹא תִכְבֶּה. וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "מַיין פַייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלוּעֶן בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען".

ושם אות רכ"ה: וְכֵן אֲפִלּוּ אֵלּוּ שֶׁלֹּא זָכוּ לְהַכִּיר אֶת רַבֵּנוּ ז"ל בְּחַיָּיו, כְּשֶׁיָּבוֹאוּ עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְיִסְמְכוּ עָלָיו, וְיִלְמְדוּ סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְיַרְגִּילוּ עַצְמָם לֵילֵךְ בִּדְרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, בְּוַדַּאי יֵשׁ לָהֶם עַל מַה שֶּׁיִּסְמֹכוּ. אַשְׁרֵיהֶם אַשְׁרֵי חֶלְקָם, וְלֹא יֶאְשְׁמוּ כָּל הַחוֹסִים בּוֹ, כִּי כְּבָר גִּלָּה דַּעְתּוֹ בְּכַמָּה לְשׁוֹנוֹת בְּפֵרוּשׁ וּבְרֶמֶז שֶׁכָּל מַה שֶּׁעוֹסֵק עִמָּנוּ אֵינוֹ בִּשְׁבִילֵנוּ לְבַד, כִּי אִם אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה וְאֶת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה לְקַמָּן (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן ר"ט).

ועי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות ו': וּמְבֹאָר בְּסִימָן ס"ח בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא שֶׁמְּדַבֵּר גַּם כֵּן מֵעִנְיָן זֶה שֶׁהַצַּדִּיק מֵאִיר בְּבָנִים וְתַלְמִידִים הֶאָרָה כָּזֹאת, בְּאֹפֶן שֶׁהֵם יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר בִּבְנֵיהֶם וְתַלְמִידֵיהֶם וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת לָנֶצַח, שֶׁלֹּא יִפָּסֵק עוֹד הֶאָרַת הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ לְעוֹלָם, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ בְּעֵת שֶׁזָּכִיתִי לִשְׁמֹעַ עִנְיָן הַנּוֹרָא הַזֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ. כִּי זֶה עִקַּר גְּדֻלַּת נוֹרְאוֹתָיו שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ כָּזֶה שֶׁיָּכוֹל לְהָאִיר הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ בְּבָנִים וְתַלְמִידִים וכו'. וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הֶחָכָם הָאֱמֶת שֶׁהוּא הֵאִיר זֶה הַדַּעַת בְּתַלְמִידָיו וְכֻלָּם מְקַבְּלִים מִמֶּנּוּ לְהָאִיר יוֹתֵר מִדּוֹר לְדוֹר כַּנַּ"ל.

[לג] הרה"ק רבי שמואל אייזיק מדאשוב זיע"א היה מגדולי תלמידי רביז"ל, היו לו הרבה תלמידים. דרכו היתה לעבוד את ה' בחריפות גדולה ובכוחות עצומים ובמסי"נ. אנ"ש אמרו שהוא קיבל מרביז"ל את הענין של תיקון נשמת המתים.

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "דאס איז דער חילוק; 'רבי נתן' האט פריער אנגעהויבן מיט'ן ליקוטי מוהר"ן, דערנאך האט ער געזאגט זיין 'הלכה', און אנהויב האט ער געבויעט - די הקדמה איז געווען 'ליקוטי מוהר"ן', 'רבי שמואל אייזיק' - ברענגט א גאנצן שמועס, און צום סוף - 'כמובא בלקוטי מוהר"ן'!

איך האב עס געזעהן דארטן, איך געדענק נישט גוט, צו א 'כתב יד' - צו עס איז געווען 'געדרוקט', און אומאן האט מען מיר געוויזן, איך האב עס געזעהן איינמאל, שארפע שמועסן געווען! צו עס האט געהאט א 'נאמען' דאס ווייס איך נישט, ער האט מיר אמאל געוויזן ר' הירש לייב, ער האט געזוכט די אלע מעשה'ס, האט ער מיר אמאל געוויזן דעם ספר פון ר' שמואל אייזיק'ן.

איז טאקע - אז דער רבי איז איבערגעבליבן - איז טאקע נאר דורך רבי נתן'ען! נאר דורך רבי נתן'ען! פארוואס? ווייל ער האט נישט געוואלט זיך אפטיילן פונעם רבי'ן מיט קיין שום זאך! וויפיל ער איז געווען פול מיט מעלות, אבער "נאר דער רבי! נאר דער רבי!".

❖

# 'אי לך ארץ שמלכך נער'

אינגאנצן דער 'שבח' פון אליעזר'ן איז געווען - מען האט שוין כמה פעמים גערעדט דאס - אליעזר זאגט דער מדרש:[לד] 'המושל בכל אשר לו', ער איז געווען 'המושל ביצרו כמוני', אזוי ווי איך! אזוי האט געזאגט אברהם אבינו אויף 'אליעזר', ער איז א 'מושל ביצרו כמוני'! דאס איז דאכט זיך שוין גוט? אבער אינגאנצן זיין 'יחוס' איז נאר אז ער איז 'עבד אברהם'! טאמער איז ער דער 'אדון' איז ער 'גארנישט'!

דערפאר טאקע ברענגט דער רבי אין דער תורה ל"א,[לה] "**אשריך ארץ שמלכך בן חורין**" - דאס איז 'אברהם', "אי לך ארץ שמלכך נער" - דאס איז 'אליעזר',

---

[לד] מדרש רבה בראשית נ"ט ח'.

[לה] עיי"ש אות ה': וְיֵשׁ שְׁנֵי בְּחִינוֹת בְּרִית, בְּחִי' אַבְרָהָם, וּבְחִי' אֱלִיעֶזֶר. אַבְרָהָם הוּא 'בְּרִית עִלָּאָה' וכו', וְהוּא בְּחִי' 'בֶּן חוֹרִין', כִּבְחִי': "אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן חוֹרִין" וכו'. וֶאֱלִיעֶזֶר הוּא 'בְּרִית תַּתָּאָה' וכו'. בְּחִי': "אִי לָךְ אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ נָעַר". וְהוּא תַּחַת בְּרִית עִלָּאָה, כִּבְחִי': "שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי" וכו'.

פארוואס איז **"אי לך ארץ"**? 'אי' איז מלשון 'אוי', פארוואס איז **"אי לך ארץ שמלכך נער"**? אז 'אליעזר' איז א מענטש וואס איז א 'מושל ביצרו כמו אברהם' איז 'אי לך'?

**נאר כל זמן אז 'אליעזר' איז א 'עבד', איז טאקע וואויל, איז גוט, אבער אז 'אליעזר' איז א 'מלך', דאס טויג נישט! א 'מלך' דאס איז נאר 'אברהם'!**

דער רבי רעדט דארט לגבי 'יחודא עילאה' 'יחודא תתאה', איז ביי אים שטייט 'אי לך ארץ שמלכך נער', אז דער 'מלך' איז א 'נער', אז דער מלך איז נישט קיין 'בן חורין', וויפיל אליעזר איז געוועזן (- איז זיין גאנצע חשיבות נאר אז ער איז אן 'עבד').

'תחת ירכי' - זאגט דער רבי דארטן - 'ברית תתאה' (על מעלת אליעזר). **די אלע יחודים וואס אליעזר האט, איז ווייל ער וויל גיין מיט 'אברהם', טאמער בין איך אליין אברהם, איך בין אליין דער 'האר', טויג עס נישט!**

❖

אין דאס וויסן (- ר' נתן), און האבן אין זיך אזעלכע גרויסע 'מעלות', אזא גאלדן מויל, ממש דעם רבי'נס זאך האט געשיינט דורך רבי נתן'ען, 'אסאך מער ווי בחיי רבינו',[לו] סיי מיט'ן מקרב זיין מענטשן מערער, עס איז געוועזן - א קוואל האט זיך געעפנט נאכ'ן רבי'ן, ממש 'פי שנים', אבער ער האט געוואוסט אבער "טאמער רייסט ער זיך אפ - וואס הייסט ער רייסט זיך אפ? א זאך וואס דאס איז נאך 'איך'! - טויג שוין נישט, וועט עס זיך אויפהערן, עס וועט נישט האבן קיין נצחיות!"

דאס איז געווען דער חידוש פון רבי נתן'ען! דערפאר טאקע דאס גאנצע 'השארה' גייט נאר דורך רבי נתן'ען!

❖

[לו] עי' בהשיחות שנדפסו בספר ביאור הליקוטים דפו"ר: **"אזא טיש ווי ביי מיר - איז ביי דעם רבי'ן נישט געווען! אבער אלץ מיט'ן כח פונעם רבי'ן!"** ועי' ריש תו' ס"ו ענין "ויהי נא פי שנים ברוחך אלי", ועי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה' אות י"ז מענין "משה ויהושע", ואכמ"ל.

# 'שעבודת היום בבגדי לבן'

(אחד הנוכחים: רבי נתן האט געזאגט: "מיין זאך איז 'יום כיפור'"!) **יא יא! "דעם רבי'נס זאך איז ראש השנה, מיין זאך איז יום כיפור!".**[לז]

(א' הנוכחים: אבער דאס איז אלץ דער רבי) **יא, יא.**[לח]

❖

עס איז געווען אמאל טאקע אן 'ערב יום כיפור', דעמאלטס איז געווען דער 'עקיבא וועלוול' פון נעמירוב (ממקורבי מוהרנ"ת), ער איז א גרויסער למדן געווען, עס איז געווען דעמאלטס נאך מענטשן, מען פלעגט פארן צו רבי נתן'ען אויף יום כיפור, איז מען שוין געווען אויף ערב יום כיפור אויך.

---

[לז] עי' הקדמת ימי התלאות: וְהַמּוּבָן מִכָּל זֶה, כִּי נִמְצָא בּוֹ מִצַּד נִשְׁמָתוֹ גַּם כָּל הַסְּלִיחָה וְהַכַּפָּרָה שֶׁל יוֹם הָעֲשִׂירִי מֵעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, הוּא יוֹם כִּפּוּר, כִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה שֶׁבְּוַדַּאי נִתְכַּפֵּר לָהֶם עֲווֹנוֹתֵיהֶם נַעֲשׂוּ עַל־יְדֵי דִּבּוּרָיו וּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁהִשְׁאִיר אַחֲרָיו כַּמּוּבָא, וְלוּלֵא דְּמִסְתַּפִּינָא הָיִיתִי אוֹמֵר שֶׁזֶּהוּ שֶׁגַּם שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ גִּימַטְרִיָּה מְכֻוָּן מַמָּשׁ מִסְפָּר מִנְיַן הַתֵּבוֹת "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ" וכו', וְעַל זֶה זָכָה לְחַבֵּר סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הַקָּדוֹשׁ וּתְפִלּוֹתָיו הַמְּעוֹרְרִים וּמַחֲזִיקִים כָּל אִישׁ מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן, לְהַטּוֹתוֹ לַטּוֹב לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה.

ועי' כוכבי אור - חכמה ובינה אות ל"ט: וְכַאֲשֶׁר נִרְאֶה וְנוֹדָע לְכָל מַבִּיט וּמִסְתַּכֵּל בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁאַף־עַל־פִּי שֶׁמַּרְבֶּה לְדַבֵּר מִכָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת וִישָׁרוֹת, אֲבָל עִקַּר וְרֹב דְּבָרָיו יְסוֹבְבוּ עַל עִנְיַן הִתְחַזְּקוּת לְחַזֵּק וּלְאַמֵּץ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים וְהָעֲיֵפִים וְהַיְגֵעִים, אֲשֶׁר עֲמָלֵק רוֹדֵף אַחֲרֵיהֶם, לְבַל יִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָם מִן הָרַחֲמִים, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַב לִסְלֹחַ. וְכַאֲשֶׁר נִשְׁמַע וְנִרְאָה גַּם בְּעֵת יְצִיאַת נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁעַד נְשִׁימָה הָאַחֲרוֹנָה, כָּפַל וְשִׁלֵּשׁ "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ" וכו', וְעַל־כֵּן בַּעֲנִיּוּת דַּעְתִּי חָשַׁבְתִּי גַּם שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ זַ"ל וְרָאִיתִי כִּי הוּא בְּמִסְפַּר "חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ" מְכֻוָּן מַמָּשׁ...

[לח] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות י"א: וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בִּבְחִינַת כֹּל, שֶׁיּוֹדֵעַ לְלַמֵּד דַּעַת אֶת הָעָם וכו'. שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה מַחֲזִיר וּמֵשִׁיב כֻּלָּם לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, וְזוֹכִין לִבְחִינַת סְלַח נָא בִּשְׁלֵמוּת בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים וְכוּ', וְזֶה הַדֶּרֶךְ מְגַלֶּה הַצַּדִּיק בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה. ושם אות כ': כִּי אִי אֶפְשָׁר לִפְעֹל בַּקָּשַׁת סְלַח נָא, כִּי אִם עַל־יְדֵי הַתְּשׁוּבָה שֶׁמְּאִירִין בָּנוּ צַדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, כִּי יוֹם הַכִּפּוּרִים אֵינוֹ מְכַפֵּר כִּי אִם לַשָּׁבִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל. וְעַל־כֵּן צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, כִּי עִקַּר תִּקּוּן הַתְּשׁוּבָה נִמְשָׁךְ עַל־יְדֵי הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים וכו'. ושם אות ל"ב: כְּלַל הַדָּבָר, שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה אָנוּ נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים, וְאָז אָנוּ מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיקִים לִצְעֹק תָּמִיד לַה' יִתְבָּרַךְ יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה וכו', וּבְיוֹם הַכִּפּוּרִים כְּבָר זָכִינוּ לְקַבֵּל עִנְיָן זֶה, עַד שֶׁבְּיוֹם הַכִּפּוּרִים זוֹכִין לַחֲמִשָּׁה קוֹלוֹת וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁזּוֹכִין שֶׁכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ לִצְעֹק תָּמִיד לַה' יִתְבָּרַךְ וְכַנַּ"ל.

האט ער גערעדט זייער פון די ד' יסודות וואס עס איז געווען דארטן ביים כהן גדול, דער 'חי' - דאס איז געווען דער 'שעיר' דער 'פר', און דער 'מְדַבֵּר' - איז געווען דער כהן גדול אליין, ווייטער איז געווען דארטן די 'גאלד' (- דער 'דומם'), ער האט אויסגערעכנט די אלע 'ארבע יסודות' (- דומם, צומח, חי מדבר), די אלעם וואס עס איז אלץ געווען דארטן.

אבער דאס איז נאר בשעת מען גייט נישט אריין 'לפני ולפנים', אז מען גייט אריין 'לפני ולפנים' איז אלעס אויסגעטוהן, 'זהבים מעביר ולבנים לובש'!

האט ער געזאגט דעמאלט די ווערטער: "אז מען גייט אריין 'לפני ולפנים' איז 'זהבים מעביר ולבנים לובש!". איז עפעס אזא מין התעוררות געווען דארטן, ס'איז א גוואלד.[לט]

---

[לט] מהקדמת ימי התלאות: גַּם יְדִידֵנוּ הַמֻּפְלָא הַר' עֲקִיבָא זְאֵב מִנֶּעמִירוֹב הָיָה רָגִיל לְסַפֵּר מֵעֹצֶם הִתְעוֹרְרוּת שֶׁרָאָה מִמּוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת בְּעֶרֶב יוֹם כִּפּוּר הָאַחֲרוֹן, כִּי דִּבֵּר אָז בְּעֵת סְעוּדַת עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר מֵעִנְיַן הַד' יְסוֹדוֹת, דּוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר, וְאָמַר, הֲלֹא אֲנַחְנוּ רוֹאִים כָּל מַה שֶּׁהַמַּדְרֵגָה נְמוּכָה יוֹתֵר, נִמְצָא בּוֹ טוֹב יוֹתֵר, כִּי יְסוֹד הַמְדַבֵּר הוּא הָאָדָם, וּמֶקַח הָאָדָם בִּמְכִירָתוֹ לֹא יַעֲלֶה כְּמֶקַח הַסּוּס, שֶׁהוּא מִיסוֹד הַחַי הַנָּמוּךְ מֵהַמְדַבֵּר כַּנּוֹדָע, שֶׁנִּמְצָא סוּס שֶׁנּוֹתְנִים בִּמְחִירוֹ כַּמָּה אֲלָפִים רו"כ (רוּבָּל כֶּסֶף). וּמֶקַח הַצּוֹמֵחַ יַעֲלֶה עוֹד יוֹתֵר, כִּי נִמְצָאִים שׁוֹשַׁנִּים וּפְרָחִים שֶׁמְּבִיאִים מִמְּדִינוֹת רְחוֹקוֹת שֶׁאֵין עֵרֶךְ כְּלָל לַמְּחִירִים לְשָׁוִים, וּבִיסוֹד הַדּוֹמֵם נִמְצָאִים אֲבָנִים טוֹבוֹת וִיקָרוֹת הָעוֹלִים עוֹד יוֹתֵר, וְרוֹאִים אָנוּ אֶת הַטּוֹב וְהָאֱלֹקוּת שֶׁנִּמְצָא בָּהֶם, מִפְּקֻדַּת הַתּוֹרָה עַל הַכֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁבְּכָל עֵת כְּנִיסָתוֹ לְבֵית הַמִּקְדָּשׁ יִהְיֶה לָבוּשׁ בְּחֹשֶׁן וְאֵפוֹד, שֶׁיִּהְיֶה נְתוּנִים בָּהֶם כַּמָּה אֲבָנִים טוֹבוֹת.

וְאַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה נִכְנַס מוֹהֲרַנַ"ת ז"ל בְּדַרְכּוֹ הַקְּדוֹשָׁה מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, עַד שֶׁהִתְחִיל לְדַבֵּר בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל בְּשַׁלְהֶבֶת אֵשׁ נוֹרָאָה וְצָעַק בְּקוֹלוֹ הַקָּדוֹשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: וְאַף־עַל־פִּי־כֵן נִמְצָא גָּבוֹהַּ מֵעַל גָּבוֹהַּ, קְדֻשָּׁה נֶעֱלָמָה וְנִסְתָּרָה, קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים שֶׁהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל כְּשֶׁהָיָה צָרִיךְ לִכְנֹס לְשָׁם, הָיָה צָרִיךְ לְהַפְשִׁיט כָּל הַבְּגָדִים הַיְקָרִים, רַק "כְּתֹנֶת בַּד קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי בַד יִהְיוּ עַל בְּשָׂרוֹ וְכוּ'", וְאָמַר אֶת הַפָּסוּק הַזֶּה בְּנִגּוּן שֶׁל הַקּוֹרֵא בְּיוֹם כִּפּוּר.

וְר' מֵאִיר יְהוּדָה ז"ל מִבְּרֶסְלֶב הָיָה רָגִיל גַּם־כֵּן לְסַפֵּר, כִּי גַּם הוּא נִכְנַס אָז אֶל בֵּית מוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת, וּכְבוֹאוֹ עַל הַפֶּתַח, וְהָיָה נִשְׁמָע מֵרָחוֹק אֶת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה יוֹצְאִים מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כְּלַפִּיד אֵשׁ, וְנִשְׁאַר עוֹמֵד עַל עָמְדוֹ וּמְקוֹמוֹ וְיָרֵא לָלֶכֶת יוֹתֵר לְהִתְקָרֵב אֶל הַשֻּׁלְחָן.

וְהִנֵּה עַל שַׁבָּת שֶׁלִּפְנֵי פְּטִירָתוֹ בָּא אֵלָיו שֵׁנִית ר' עֲקִיבָא זְאֵב, וּבְלֵיל שַׁבָּת אַחַר הַסְּעוּדָה, דִּבֵּר עוֹד הַפַּעַם מֵעֲבוֹדַת הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל מִיּוֹם כִּפּוּר בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל וְנוֹרָא, וְהִזְכִּיר אָז כַּמָּה תֵּבוֹת מֵהַפִּיּוּט שֶׁבְּסֵדֶר הָעֲבוֹדָה, נִכְנַס לַמָּקוֹם שֶׁנִּכְנַס וְעָמַד בְּמָקוֹם שֶׁעָמַד, וְעוֹד כַּמָּה תֵּבוֹת, וּבַשָּׁבוּעַ שֶׁאַחַר זֶה נִפְטַר וְיָצְאָה נִשְׁמָתוֹ בְּאֵלֶּה הַתֵּבוֹת, חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ, בַּיּוֹם הָעֲשִׂירִי לְחֹדֶשׁ טֵבֵת. ועי' במכתב הסתלקות מוהרנ"ת: וּבְלֵיל שַׁבָּת הַנַּ"ל אָמַר תּוֹרָה עַל הַמְּנוֹרָה וְרָקַד בְּעַצְמוֹ, וְאַחַר שֶׁהָלַךְ מֵהַשֻּׁלְחָן, דִּבֵּר

דאס איז דאך אזוי גרויס (העבודות הכלולים מהארבע יסודות), אבער דאס איז אלעס נאר 'דא', אבער בשעת מען גייט אריין 'לפני ולפנים', איז 'זהבים מעביר ולבנים לובש'.

דאס איז אויך קעגן א 'נפטר' אויך, וואס טוט מען אָן? 'בגדים לבנים'!

וואס האט ער געמיינט טאקע? 'לפני ולפנים' איז אלע זאכן 'גאלד' (וכו'), גרויס! אלע זאכן איז גוט! אבער אז מען גייט אריין 'לפני ולפנים' - וואס האט ער געמיינט? ער האט געמיינט די 'הסתלקות', עס איז כולל אסאך זאכן!

מיר דאכט זיך אז דאס איז געווען דעם לעצטן ערב יום כיפור.

'זהבים מעביר ולבנים לובש שעבודת היום - איז נאר - בבגדי לבן'! כאטש ער האט דאך אין דעם טאג זיך אויך גענוצט מיט אלע 'אכט בגדים', אבער בשעת'ן ארייננגיין 'לפני ולפנים' איז נאר 'עבודת היום בבגדי לבן'! אה אה.

(א' שואל: פון וואנעט נעמט זיך דער נוסח פון די עבודה? פונעם טירהאוויצ'ער מגיד?) **אוודאי, אה - ס'איז א גוטער נוסח!**

דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל טאקע דאס נאר געדענקען גוט - אז די עבודת היום איז 'בבגדי לבן', עבודת 'היום' - ווייזט זיך אויס אז דער שמועס איז גאר דער 'לעצטער טאג'! איי, דעמאלטס איז נאר 'בבגדים לבנים', אוועקגעלייגט די אלע 'דאלארן' מיט די 'גאלד' און 'אלעס'... 'זהבים מעביר ולבנים לובש שעבודת היום בבגדי לבן'!

איי, דאס איז עס! דאס געדענקען, דאס געדענקען גוט - אז דאס איז דאס! יעדער איינער טוט אן 'בגדים לבנים', יעדן איינעם מאכט מען תכריכים, יעדער איינער האט זיך 'בגדים לבנים', דאס איז די עבודת היום - די בגדי לבן! אה.

❖

---

מֵעִנְיַן הָעֲבוֹדָה שֶׁל יוֹם־הַכִּפּוּרִים, וְהוֹצִיא מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת וְאָמַר: הָעֲבוֹדָה וְכוּ', הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְנַס לִפְנֵי וְלִפְנִים עָמַד בְּמָקוֹם שֶׁעָמַד וְנִכְנַס בְּמָקוֹם שֶׁנִּכְנַס, רְאֵה לִפְנֵי מִי אַתָּה נִכְנָס, אַחַת וְאַחַת וְכוּ', וְהַתַּלְמִיד חָכָם גָּדוֹל מִכֹּהֵן גָּדוֹל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ג): "יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים" וכו'.

# דעם ערשטן 'ברוך הבא'...

רבי נתן איז אזוי געווען דבוק אינעם אויבערשטן, אז ער האט געזאגט: **"איך האב זיך אלצדינג אויסגעמאלט, נאר דעם ערשטן 'ברוך הבא' אין קבר - האב איך זיך נישט געקענט אויסמאלן"!** - ווי אזוי וועט מען מיך דארטן אויפנעמען!

"דעם ערשטן ברוך הבא אין קבר האב איך זיך נישט געקענט אויסמאלן" - אזוי האט רבי נתן געזאגט - "אלצדינג האב איך זיך אויסגעמאלט, דעם ערשטן 'ברוך הבא' אין קבר" - דער 'ברוך הבא' דאס הייסט: 'ווי אזוי מען נעמט אים אויף' - "דאס האב איך זיך נישט אויסגעמאלט"! - אויך מחמת גודל שפלותו, מגודל ענוותנותו.

מען האט אים דארטן שיין אויפגענומען!

אבער אזעלכע - רבי יוחנן בן זכאי האט דאך געוויינט - זאגט די גמרא, "ער ווייסט נישט 'באיזה דרך מוליכין אותי'"[מ]

❖ ❖ ❖

# "וועקט צו סליחות און לייגט זיך שלאפן!"...

דער 'ר' לייבל'ע קאנסטאנטינער', ער איז געווען א געוואלדיגער סארט מענטש, א איש צדיק, א קדוש. ער האט מקרב געווען 'ר' אייזיק' ('אייזנשטיין'), ער איז אויך געווען א קאנסטאנטינער.

די מעשה איז אזוי געווען: ר' לייבעלע האט געשיקט מענטשן צום רבי'ן אויף ראש השנה, און ער אליין איז נישט געפארן, ער איז געבליבן אין 'קאנסטאנטין', ער איז דארט געווען דער 'חזן' אין די שטאט. מען פלעגט זאגן אויף אים א ווערטל: "ער וועקט צו 'סליחות', און 'ער' לייגט זיך שלאפן...!"

---

[מ] עי' ברכות דף כ"ח ע"ב. ועי' חיי מוהר"ן אות ט"ו, מלשון מוהרנ"ת: "**וְלָקַחְתִּי זֹאת בְּדַעְתִּי הֵיטֵב וכו', אוּלַי אֶזְכֶּה לִזְכֹּר זֹאת בְּעָלְמָא דְאָתֵי וכו', כִּי אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה עִמִּי ח"ו, כִּי אֵינִי יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶרֶךְ מוֹלִיכִין אוֹתִי ח"ו, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְזַכֵּנוּ מֵעַתָּה לָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנָיו כִּרְצוֹנוֹ הַטּוֹב**".

דער ר' אייזיק איז דעמאלט געווען א יונגערמאן פון זעכצן יאר, - דאס איז געווען אין יאר תרי"א, ר' אייזיק איז געבוירן געווארן תקצ"ה - ער איז אלט געווען צעהן יאר ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן. איז ער דעמאלט (בעת התקרבותו) אלט געווען זעכצן יאר.

האט ער געזאגט צו ר' לייבעלע'ן: "אז איר פארט נישט אויף 'ראש השנה', פאָר איך אויך נישט!" האט ער אוועק געווארפן די 'פרנסה', און ער איז געקומען אויף ראש השנה, אינאיינעם אריינגעקומען מיט אים.

ר' אייזיק איז געווען א מין 'שיינקייט פון א מענטש', א 'יפה תואר', 'משכמו ומעלה גבוה'! איך האב אים געקענט שוין אויף דער עלטער, עס איז געווען אין יאר תרע"ד, און פון תקצ"ה איז שוין אויך געווען ניין און זיבעציג יאר, ער איז שוין א אלטער איד געווען, אבער ער האט אזוי געשיינט! אזא מין 'שיינער פנים', אזא מין 'פרייליכקייט', אזא מין 'הדרת פנים', אזא מין 'סבר פנים'! רבונו של עולם - וואו זעהט מען אזא מין אידן?!

ווען ער איז אריינגעקומען אין 'קלויז', אונזערע לייט האבן א קוק געגעבן אויף דעם אינגערמאן, 'דאס פנים'! - און ר' לייבעלע איז דארטן! האבן זיי פארשטאנען, אז צוליב דעם יונגערמאן, דערפאר איז ער געקומען!

ער פלעגט דאך קיינמאל נישט קומען אויף 'ראש השנה'! אז ער איז געקומען מיט דעם יונגערמאן, האבן זיי פארשטאנען אז צוליב דעם יונגערמאן איז ער געקומען, פאר דעם יונגערמאן איז אים כדאי געווען אז ער זאל אלעם מפקיר זיין!

נו, איז דאך 'אוים פרנסה'; ער האט דאך שוין נישט 'פרנסה' מער, ער קען שוין נישט פאָרן קריק! דער עיקר חזן איז דאך אין די 'ימים נוראים'!

האב איך געהערט, אז מען האט פאר אים צונויף גענומען - מען האט אים געמאכט 'דריי און אכציג רובל', און מען האט אים געגעבן! דעמאלט 'דריי און אכציג רובל' איז עטליכע יאר פרנסה, א 'פארמעג'!

ער איז דאך אבער א 'חזן', א חזן דאווענט דאך, מוז מען דאך אים געבן א 'תפילה' אויך, אז נישט וועט ער דאך האבן חלישות הדעת, האט מען אים געגעבן דעם צווייטן טאג מוסף.

נו, אזוי ווי ער איז געפארן, און ער האט אלעם מפקיר געווען, אבער ער האט דאך שוין נישט געקענט פאָרן קריק קיין קאנסטאנטין, איז ער שוין פארבליבן וואוינען אין אומאן!

(השואל: ר' אייזיק איז אויך געבליבן אין אומאן?) ניין, ר' אייזיק איז שפעטער ארויס קיין אומאן, שפעטער אסאך.

❖

## "איך האב אים נישט אוועקגעלייגט!"

אין אומאן איז געווען - מ'האט עס גערופן 'ר' קלמנ'ס קלייזעל', דער ר' קלמן איז געווען א גביר - נאך אין רבי'נס צייטן אויך, ער האט געהאלטן פון רבי'ן זייער, דער ר' קלמן איז געווען פון די 'גרויסע גבירים', פון די 'ארענשטיינ'ס', פון די 'גרויסע מיליאנערן' פון די וועלט.

האט ער געהאט א 'קלייזעל' - א שוהל, דארט איז ווינטער געווען ווארעם און ליכטיג, 'ער' איז שוין דעמאלט נישט געווען, אבער עס האט געהייסן זיין 'קלייזעל', מען האט דאס געפירט אזוי אויפ'ן שיינעם אופן.

און דער ר' לייבעלע קאנסטאנטינער פלעגט דארטן זיצן ביינאכט, ער איז אריינגעגאנגען דארטן 'חצות', עס איז געווען ווארעם, ער האט דארט געדינט דעם אויבערשטן, און פון מאל צו מאל האט ער אסאך געוויינט!

דער 'שמש' פון דעם 'קלייזעל' האט געהערט ווי ער וויינט אזוי, האט ער געמיינט אז ער וויינט ווייל ער האט נישט קיין פרנסה, ער איז אן 'ארימאן'... ער האט נישט געוואוסט 'נאך וואס' ער וויינט...!

דער שמש האט נאך געדענקט דעם רבי'נס הסתלקות! האט ער אים געזאגט: "וואס וויינט איר? איך וועל אייך דערציילן א מעשה פון 'אייער רבי'ן' וועט איר נישט וויינען!".

האט ער אים דערציילט: אז זיין טאטע איז געווען פון די 'חברה קדישא' בשעת דעם רבי'נס הסתלקות,[מא] און זיין 'תפקיד' איז געווען אראפלאזן דער נפטר אין 'קבר', האט דער טאטע אים דערציילט, אז בשעת ווען מען האט אים געגעבן דעם נפטר, האט ער זיך אראפגעבויגן צו אוועקלייגן (מקבר זיין) דעם רבי'ן, איז געווארן אזא מין לעכטיגקייט אין קבר, און מען האט אים צוגענומען דעם נפטר, און מען האט אים אוועקגעלייגט!

דער טאטע האט אים געזאגט: "דאס ווייס איך, 'איך' האב אים - דער רבי'ן - נישט אוועקגעלייגט! מען האט אים ביי מיר צוגענומען פון די הענט, און מען האט אים אוועקגעלייגט אין קבר! 'דאס' האב איך געזעהן! זאג איך דיר אן, אז דו זאלסט וויסן, דו זאלסט זיך היטן, און דו זאלסט נישט רעדן! אזוינס האב איך געזעהן דא!"

האט דער שמש דאס דערציילט ר' לייבעל'ען, און ער האט אים געזאגט: "אז דו האסט געהאט אזא רבי'ן, דארפסטו וויינען?!".

❖

## "דאנקען גא-ט וואס איך בין ניצול געווארן דערפון!"

(ר' יעקב דב ז"ל: און 'ר' נחמן חזן' איז יא געבליבן חזן אין נעמירוב, אפילו ער איז אוועקגעפארן אויף ראש השנה קיין אומאן? ער איז דאך געווען חזן נאר יום כיפור?!) ניין, ר' נחמן חזן[מב] האט קיינמאל נישט געדאווענט אין נעמירוב, דארטן איז ער געווען א 'בעל קורא'.

ר' נחמן האט אנגעהויבן דאווענען ביי אונז (ראש השנה באומאן) ווען ער איז אלט געווען 'צוויי-דריי און צוואנציג' יאר.[מג] אזוי ווי ר' אברהמ'ען (סופר - שטערנהארץ), ער האט אויך אנגעהויבן דאווענען 'שחרית' ווען ער איז געווען 'צוויי און צוואנציג' יאר.

---

[מא] עי' ימי מוהרנ"ת אות ס"ו: וְכָל בְּנֵי הַחֲבוּרָה שָׁאֲלוּ אוֹתָנוּ אֵיךְ לְהִתְנַהֵג עִמּוֹ וכו', גַּם שָׁאֲלוּ אִם רְצוֹנֵנוּ לַעֲסֹק עִמּוֹ אֲנַחְנוּ בְּעַצְמֵנוּ דַּוְקָא, וְאָמַרְתִּי שֶׁבְּנֵי הַחֲבוּרָה הָעוֹסְקִים בָּזֶה תָּמִיד יַעַסְקוּ עִמּוֹ, כִּי יָדַעְתִּי בְּנַפְשִׁי שֶׁלְּפִי גָּדְלָתוֹ אֵין נִמְצָא אָדָם בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיֶה רָאוּי לַעֲסֹק עִמּוֹ, אַךְ בִּמְקוֹם גְּדֻלָּתוֹ שָׁם אָנוּ מוֹצְאִין עַנְוְתָנוּתוֹ, וּרְצוֹנוֹ ז"ל שֶׁכָּל אֶחָד יַעֲשֶׂה מַה שֶּׁרָאוּי לוֹ, וּבָעֵת הַזֹּאת מַגִּיעַ הָעֵסֶק שֶׁל קְבוּרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה לִבְנֵי הַחֲבוּרָה הָעוֹסְקִים בָּזֶה תָּמִיד, וְיִהְיֶה לָהֶם גַּם כֵּן זְכִיָּה לָנֶצַח.

[מב] הנקרא ר' נחמן נעמירובער, בנו של ר' דוד צבי ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת.

[מג] בערך סוף שנות תר"מ, הוא נולד בערך שנת תרט"ו. (שיש"ק).

אין נעמירוב איז ער נאר געווען א 'בעל קורא', מען האט אים טאקע גערופן אין נעמירוב 'נחמן דער בעל קורא', ער איז געווען א שיינער 'בעל קורא'.

(השואל: ווערענס זוהן איז געווען ר' נחמן?) זיין טאטע מיט ר' אברהם'ס טאטע - זענען געווען צוויי ברידער,ביידע זענען געווען ר' שכנא'ס קינדער, צוויי זין פון ר' שכנא'ן (בן מוהרנ"ת), ער האט געהייסן ר' נפתלי הערץ (אבי ר' אברהם סופר), און ער האט געהייסן ר' דוד צבי (אבי ר' נחמן חזן נעמירובער).

ער האט דאך געוואוינט אין נעמירוב, יום כיפור איז ער געווען אין 'ברסלב' - ר' נחמן (נעמירובער), און 'דארט' ער האט גע'דאוונט פאר'ן עמוד, איידער ער האט אנגעהויבן דאווענען ביי אונז ראש השנה.

ר' לייבל האט דאך עטליכע יאר געלעבט נאך ר' נחמן'ען (טולטשינער, שהוא היה הש"ץ לתפילת מוסף ביום א' דר"ה, וביום השני היה הש"ץ ר' לייבל), ווען ר' נחמן (טולטשינער) איז נפטר געווארן האט ר' לייבעלע גע'דאוונט ביידע מוספים, ווייל ער האט נאך געלעבט עטליכע יאר.

און נאך ווען ר' לייבל איז נפטר געווארן, איז שוין ר' אברהם (שטערנהארץ) געווען א בעל שחרית פון עטליכע יאר, האט מען געזוכט א 'בעל מוסף', האט מען געוואלט אז ר' מיכל'ע (ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת) זאל דאווענען, ר' מיכל'ע איז געווען א שיינער בעל תפילה - ר' מיכל'ע - א איד א צדיק! האט ער בשום אופן נישט געוואלט דאווענען!

ער פלעגט מיר זאגן נאשקע ע"ה (ר' נחמן בנו של ר' שכנא, ב"ר דוד צבי - אחיו של ר' מיכל'ע), אז אויף דער עלטער האט ער געזאגט: "**דאנקען גא-ט וואס איך בין ניצול געווארן דערפון!**" ער האט נישט געוואלט!

האט מען דעמאלט געשריגן: ס'איז א געוואלד, מיר האבן דאך 'נחמן (נעמירובער)', ער דאוונט דאך יום כיפור, ס'איז א מחיה צו הערן! האט מען אים צוגעשטעלט צו מוסף, און ער איז געווארן דער 'בעל מוסף'.

"איר האט געהאט אזא מין רבי'ן און איר וויינט?! וואס האט איר צו וויינען?!" אה...

❖

# "מיין 'אייזיק' זאל גיין צוזאמען מיט'ן 'רימער'?!"...

(השואל: ער איז געווען נאך ביי רבי נתן'ען - דער ר' לייבל קאנסטאנטינער?) ניין, קען זיין ער איז יא געווען ביי ר' נתן'ען - ווייס איך נישט.

ר' אייזיק (קאנסטאנטינער הנ"ל, שנתקרב ע"י ר' לייבעלע) איז געבוירן געווארן תקצ"ה, און אלט געווען זעכצען יאר דעמאלט (כשנתקרב), תרי"א.

ער האט געזאגט, אז ווען ער איז געווען אלט 'צעהן יאר', האט ער געהערט אין קאנסטאנטין אז ר' נתן איז נפטר געווארן (שנת תר"ה) – דער ר' אייזיק, אבער ער האט ר' נתן'ען נישט געקענט. קאנסטאנטין איז ווייט, 'אלט-קאנסטאנטין'.

(השואל: ווער האט מקרב געווען ר' לייבל קאנסטאנטינער?) איך ווייס נישט.

ר' לייבעלע האט אסאך מענטשן מקרב געווען!

איידער ר' לייב האט מקרב געווען ר' אייזיק'ן, האט די מוטער (פון ר' אייזיק) געזאגט, אז זי וואלט געטרונקען די וואסער פון זיינע פיס! אז מין 'איש נחמד' איז ער געווען.

אבער נאכדעם, האט זי אים געגעבן צוויי פעטש אינמיטן דער גאס! "וואס האסטו געטוהן מיט מיין זוהן? דו האסט אים צוגענומען פון מיר, דו האסט אים געמאכט פאר א ברסלב'ער חסיד!"...

עס איז געווען דארט א 'רימער', מ'האט אים גערופן 'דער רימער', דער רימער - ער מאכט דארטן פרנסה פון די פערד (מתקן אוכפים ופרסות הסוסים), א פראסטע ארבעט.

ר' אייזיק פלעגט גיין אין גאס צוזאמען מיט דעם 'רימער' (לשוחח יחד בעבודת השם), פלעגט זי זאגן - די מאמע: "מען זאל זי אריינלייגן אין דער ערד אריין - וואלט איר געווען מער ניחא ווי זעהן אז 'מיין אייזיק' זאל גיין מיט דעם 'רימער' צוזאמען!" - א 'רימער' איז א פראסטער מענטש, גייט 'ער' מיט דעם 'רימער' צוזאמען?![מד]

---

[מד] עי' חיי מוהר"ן אות של"ה: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ ז"ל עִם אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ וְאָמַר לָהֶם, הֲלֹא כָּל הֲנָחַת רוּחַ וְהַתַּעֲנוּג שֶׁלִּי הוּא רַק כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה אֵיזֶה דִּבְרֵי יַהֲדוּת וַעֲבוֹדַת ה' בְּאֶחָד מֵאֲנָשַׁי וכו', הֲלֹא כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה

❖

## "נאך אזא רבי'ן, זאגן 'איך בין א רבי'?!"...

ער האט מיר דערציילט (ר' אייזיק), אז ער פלעגט פארן פון קאנסטאנטין קיין אומאן, ס'איז א ווייטע נסיעה, זייער זייער ווייט, קאנסטאנטין איז לעבן 'ראוונע', מ'איז געפארן עטליכע טעג, האט מען אויפ'ן וועג גערעדט - גערעדט פונעם רבי'ן.

איז געווארן דארט א שמועס: "פארוואס איז נישטא קיין רבי ביי אונז? פארוואס איז נישטא קיין רבי?!"

דערווייל איז געווען דער 'רימער' דארט, האט זיך אנגערופן דער 'רימער': "**איך וויים נישט, נאך דעם אמת פונעם רבי'ן - קען זיך אוועקזעצן איינער זאגן 'איך בין א רבי'?!**".

דער רימער האט אזוי געזאגט! "נאך דעם אמת וואס ביים רבי'ן, קען זיך אוועקגעזעצן איינער זאגן 'איך בין א רבי'?!".

זענען אלע געבליבן שטיין צוקאכט, דאס איז דאך דער אמת'ער אמת! זיי אלע האבן געזאגט 'תירוצים', און ער זאגט אזא געדאנק...

"נאך דעם רבי'ן, ווער קען זיך אוועקזעצן זאגן 'איך בין א רבי' - נאך אזא מין אמת וואס ביים רבי'ן איז געווען?!" ער האט אזוי געזאגט דער רימער.

'רבי נתן' האט אוודאי דאס געפילט! "**נאך אזא רבי'ן - קען מען זאגן 'איך בין א רבי'?!**"

❖

---

אֵיזֶה עֲבוֹדַת ה' בְּעָנִי שֶׁבַּעֲנִיִּים שֶׁהוֹלֵךְ בְּכוֹבַע קָרוּעַ וּמַלְבּוּשִׁים קְרוּעִים וּמִנְעָלִים קְרוּעִים, הוּא יָקָר אֶצְלִי עַד מְאֹד כְּמוֹ שֶׁאֲנִי הָיִיתִי עוֹשֶׂה דָּבָר זֶה וְכוּ', בַּקָּשָׁתִי מְאֹד מִכֶּם הֱיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים כִּי זֶה כָּל יִשְׁעִי וְכָל חֶפְצִי.

(ר' יעקב דב ז"ל: אין באַרדיטשוב איז געווען א 'קוימען קערער' אויך?) **יא יא, אבְרָהמל'ע!** (הנ"ל: מיין שווער האט אים געקענט), **אה, דער 'קוימען קערער' איז געווען א מנגן, האט ער אונטערגעהאלפן ר' אברהם'ען** (שטערנהארץ) **ביי 'מוסף'.**[מה]

**ר' נחמן חזן'ען** (נעמירובער) **האט אונטערגעהאלפן איינער אן 'איינבינדער' פון טעפליק! ער פלעגט אים געבן געלט פאר דעם, יא אבער ער האט גאר נישט געקענט יענער...**[מו]

❖

# "אזא 'וודאי' און אזא 'העלמה'!"

**- - - פון וועמען רעדן מיר דא? פון 'נפטרים', אידן וואס זענען שוין נישטא! רבי נחמן** (נעמירובער) **איז נפטר געווארן אינמיטן זומער פון תרע"ט, דאס איז שוין א מעשה פון 'צוויי און זעכציג' יאר.**

---

[מה] העתק מקונטרס טעם זקנים 4, שיעור מפרשת אחרי קדושים תשל"ד: **..."אבּרעמ'ל** (ר' אברהם מילער) **דער קוימען קערער"! ער פלעגט קערן די קוימענס, דאס איז געווען זיין פרנסה, מיט אש אויסגעשמירט דאס פנים! - - ביים אנהויב התקרבות מיינע, האב איך געהאלטן שבת אין באַרדיטשוב, דעם ערשטן אלול תרע"ד, קומט אריין א 'קוימען קערער' מיט א שווארצן בעזים, און לייגט עס אוועק אינדרויסן, און ער קומט אריין - ער שטעלט זיך אוועק דאווענען, רבונו של עולם! וואספארא דאווענען, א געשמאקייט פון א דאווענען!** (ושאלתי)**: וואס איז דער 'קוימען קערער'? א קוימען קערער! ער פלעגט אונטערהעלפן** (בחזנות בקלויז) **ר' אברהם שטערנהארץ'ן - דער "אברהמ'ל קוימען קערער", ר' אברהם האט איהם עפּעס געגעבן דערפאר.** (השואל: דער אברהמ'ל האט געהאט א קול נגינה?) **יא, ער איז געווען א בעל מנגן, ער האט שיין געדאווענט!**

**ווען ר' נחמן** (נעמירובער) **האט געדאווענט, האט אונטערגעהאלפן איינער - אן איינבינדער פון טעפליק, ער פלעגט גיין צופוס אלעמאל צום רבי'ן אויפ'ן ציון!**

**מיט ר' אייזיק** (אייזנשטיין) **פלעגט מיטגיין א 'רימער', ער האט געמאכט די זאטלען דארטן פון די פערד - - -**

[מו] העתק משיח שרפי קודש: **"היה אחד מאנשי שלומנו שבטעפליק שהיה חולה וחלוש מאוד, ובראש השנה היה יושב סמוך לחזן רבי נחמן נעמרובער בכדי לסייע לו בתפלותו: והיינו שחשב שמסייע בזה לרבי נחמן, אף על פי שאליבא דאמת לא היתה זו כי אם הפרעה, כי היה גונח ולא ידע היטב את הנוסח. כשרצו פעם כמה מאנ"ש מהעיר טשעהרין להעיר לאותו אחד אודות הדבר הזה - לא הניח להם רבי נחמן להפריעו ולהציק לו, מאחר שידע שכוונתו בתמימות ולשם שמים; ובטוב לבו אף גם היה רבי נחמן משלם לו על כך, בידעו שאיש כשר הוא ועני הגון".**

פון וועמען מען רעדט - רעדט מען נאר פון אלטע נפטרים, 'שכבר מתו', **'ומשבח אני את המתים שכבר מתו',**[מז] 'שכבר מתו'.

פון וועמען רעדט מען? פון רבי אברהם (שטערנהארץ), **ער איז שוין אויך 'זעקס און צוואנציג יאר' נישטא, ר' אברהם איז שוין זעקס און צוואנציג יאר נישטא, ער איז נפטר געווארן תשט"ו.**

**ס'איז א געוואלד, א געוואלד! פארוואס זאל מען נישט אינזינען האבן דעם תכלית?! מען זעהט דאך עס פליעט, עס לויפט, עס לויפט!**

**רבי נתן האט אזוי געזאגט: "ס'איז נישטא אזא מין 'וודאי' ווי דער יום המיתה, און ס'איז נישטא אזא מין 'העלמה' ווי דער יום המיתה!"**

**דאס איז א 'וודאי'! יעדער איינער זעהט אז עס וועט נישט העלפן, אבער אזא 'העלמה'! טאקע מחמת תיקון העולם (למען הבחירה) איז דער העלמה!**

**אבער פון דעסטוועגן - די צדיקים האבן (אויך) געהאט טאקע העלמה - אבער זיי זענען געווארן צדיקים! זיי האבן דאס געדענקט! דעם 'יום אחרון' האבן זייך געדענקט!!!**[מח]

---

[מז] קהלת ד' ב'.

[מח] עי' קהלת ג' י"א, ברש"י ד"ה 'גם את העלם נתן בלבם'. ועי' ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה' אות ע"ד: כִּי הֲלֹא רוֹאִים בְּעַיִן שֶׁיְּמֵי חַיֵּינוּ הֶבֶל, וְהָאָדָם מֵת בְּכָל יוֹם, כִּי הַיּוֹם וְהַשָּׁעָה שֶׁחַי לֹא יִהְיוּ עוֹד, וְעַל כֵּן מַתְחִיל יוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ וְכוּ', וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בִּסְפָרִים הַרְבֵּה. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן עֲדַיִן צְרִיכִין לְדַבֵּר בָּזֶה הַרְבֵּה הַרְבֵּה, וְלַחֲזֹר עִם עַצְמוֹ וְעִם חֲבֵרָיו הַמַּקְשִׁיבִים לְקוֹלוֹ, כָּל זֶה וְיוֹתֵר מִזֶּה. כִּי גַּם אֶת הָעֹלָם נָתַן בְּלִבָּם (קֹהֶלֶת ג'), וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי סִימָן תרט"ו) וּמוּבָא בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י, לְשׁוֹן הַעֲלָמָה וְשִׁכְחָה. שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּחָכְמָתוֹ הָעֲמֻקָּה הִכְנִיס הַעֲלָמָה בְּלֵב הָאָדָם בִּשְׁבִיל כֹּחַ הַבְּחִירָה, שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה יֵשׁ כֹּחַ לְהַשָּׂטָן לְהַעֲלִים וּלְהַסְתִּיר וּלְהַשְׁכִּיחַ כָּל זֶה.

אֲבָל כֹּחַ הָאֱמֶת בְּוַדַּאי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, שֶׁכָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לְהִסְתַּכֵּל עַל תַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לְהַכְחִישׁ וּלְהַעֲלִים כָּל הַנַּ"ל שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה הֲבֵל הֲבָלִים, וְלֹא יִשָּׁאֵר כְּלוּם מִמֶּנּוּ וּמִתַּאֲווֹתָיו וּמִכַּסְפּוֹ וּזְהָבוֹ וְכוּ', כִּי אִם מַה שֶּׁהִתְיַגֵּעַ וְטָרַח בִּשְׁבִיל הַתַּכְלִית הַנִּצְחִי, שֶׁהוּא לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ.

וְעַל כֵּן כָּל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁהָלְכוּ בְּדֶרֶךְ זֶה, וְהִסְתַּכְּלוּ כָּל יְמֵיהֶם עַל תַּכְלִיתָם הַנִּצְחִי, הִשִּׂיגוּ וְהֵבִינוּ תֵּכֶף שֶׁרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ לְהִתְרַחֵק מִכָּל הַתַּאֲווֹת וכו', וּמֵחֲמַת שֶׁהִסְתַּכְּלוּ עַל אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ וְהֵבִינוּ כָּל זֹאת, וְכֵן קִיְּמוּ וְעָשׂוּ, וּפֵרְשׁוּ וְקִדְּשׁוּ עַצְמָן בְּכָל יוֹם וּבְכָל פַּעַם בִּקְדֻשָּׁה יְתֵרָה, עַד שֶׁעָלוּ מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וּמִמַּעֲלָה לְמַעֲלָה וכו'.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **יעקב אדלער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב** | מוה"ר **נתן פיש** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב** | מוה"ר **יוסף בריינעס** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **חיים אלעזר מאיער** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** |

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

חלק חשוב מהוצאות הקונטרס נתנדב לעילוי נשמות
~ הב' **משה צבי** ע"ה ב"ר **אברהם שלום אהרן** הי"ו ~
~ מרת **בתי' לאה מינדל** ע"ה ב"ר **בנימין צבי** הי"ו ~
נעקד"ה י"ב כסלו ה'תש"פ, הי"ד.